STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01274

RUSISHE DIKHTUNG

Leib Naidus

Permanent preservation of this book was made possible by Shirley & Sheldon Aaronson

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אלע ווערק
פֿון לייב נײַדוס

פינפטער באנד

ווארשע, 1926

לייב ניידוס

רוסישע דיכטונג

(פושקין און לערמאָנטאָוו)

פאַרלאַג ח. בזשאָזאַ

וואַרשע, 1926

בילע געצייכנט י. טיקאָטשינסקי
געדרוקט ביי י. הענדלער, ווארשע, דלוגע 26

LEJB NAJDUS
POEZJA ROSYJSKA
WYDAWNICTWO CH BRZOZA
Warszawa, Leszno № 27.

Druk. I. Hendlera, Warszawa, Długa 26.

אינהאַלט

פון א. ס. פושקין:

	זייט
דער קאַזאַק	9
דער שאַל	12
עלעגיע	14
ווידערגעבורט	15
אַלעג	16
דער דערטרונקענער	21
שדים	25
ווינטער-אָוונט	28
אַנטשאַר	30
דער לעצטער וואָלקן	32
דער פענסטער	33
דער דיכטער	35
אַראָפּ פון זין	37
דער חתן	39
צו איר	47
װען כ'בלאָנדזשע אום...	48
דער דיכטער	50
שפּאַנישער ראָמאַנס	51
אַ ווינטער-מאָרגן	53
די וואַסער-נימף	55
ציגיינער	58
דער דאָן	59
דעליבאָש	60
„דו" און „איר"	61
דאָס עכאָ	62
כ'האָלט דאָ אינעזיליע...	63
פאַרשווערונג	65
דער טאַליסמאַן	67
דער מלאך	69
די נאַכטיגאַל	70
דאָס באַכוס-ליד	71
דאָרידע	72
דער וואָגן פון לעבן	73
דער פאַרבּרענטער בריוו	74
דער שטורעם	75
נישט זינג	76
די בלום	77
קאַווקאַז	78
צוליב דיין היים	80
דער פעלזן-וואַל	82
אַ מעשהלע וועגן אַ טויטער בת מלכה און זיבן גבורים	85
יעווגעני אָניעגין (ראָמאַן)	109

פון מ. יו. לערמאָנטאָוו:

	זייט
די תפלה	305
כ'גיי אַרויס...	306
אים טעמפּל	307
הימל און שטערן	308
דער נביא	309
כוואַליעס און מענטשן	311
ווען ס'כוואַליען זיך...	312
אַ טרוים	313
די ים-פּרינצעסן	314
איך וויל נישט	316
אָ, ניין, איך בין נישט בּאַיראָן	317
אין תפיסה	318
דער פעלז	320
דער טראָסטניק	321
ס'גיט ווערטער	324
ס'איז אומעטיק	325
דער קינזשאַל	326
כ'ליב גאָר אַזוי	327
דאָס דעמבענע בּלעטל	328
טאַמאַרע	330
איך קוק מיט שרעק	333
די בּעגעגעניש	334
סאָנעט	338
די וואָלקנדלעך	339
נישט ווײַן	340
די צווייג פון פּאַלעסטינע	341
פון הינטער מאַסקע	343
געדענקסט?	344
צום קינד	345
און הער איך	347
דער שכן	348
די וואַסער-נימף	350
דער זעגל	352
טערעקס מתנות	353
דריי פּאַלמען	357
אַ וויג-ליד	360
דער דיכטער	362
נישט גלויב זיך	364
צוויי ריזן	366
דו חזרסט	368
די שכנה	369
די קריג	371
דער מלאך	375

א. ס. פושקין

I

ל י ד ע ר

II

אַ מעשהלע וועגן אַ טויטער בת־מלכה
און זיבן גבורים

III

יעווגעני אָניעגין

דער קאָזאַק

דורך דעם נעבל, דורך דעם חשך,
שפּעט אין מיטן נאַכט,
איז אַ קאָזאַק זיך געפאָרן
פּאַזע טייך פאַרטראַכט.

אָן אַ זייט דאָס שוואַרצע היטל,
שטויב אויף קלייד און פערד,
ביי די לענדן — פּיסטאָלעטן,
ביז דער ערד דער שווערד.

קוים-געצוימט, דער פערד דער טרייער
שפּרייזט זיך לאַנגזאַם, זאַכט,
שאָקלט מיט דער לאַנגער גריווע
טיפער אַלץ אין נאַכט.

אָט אָ זעט ער צוויי-דריי הייזלעך,
פליט — צעבראָכן, אַלט;
דאָ — אַ וועג, וואָס פירט צום דערפל,
דאָרט — אַ וועג צום וואַלד.

„ס׳איז נישטאָ אין וואַלד קיין מיידל, —
טראַכט דער כוואַט דעניס:

אין איר חדר יעדע מיידל
שלאָפט שוין לאַנג געוויס".

ציט די לייצעס, טוט מיט שפּאָרן
שנעל אַ זעץ; אַ וואָרף
טוט דאָס פערט זיך — פייל פון בויגן
פליט ער גלייך צום דאָרף.

די לבנה דורך די וואָלקנס
זילבערט בלאַס דעם רוים;
ביי אַ פענסטער זיצט אַ מיידל
אין אַ טרויער-טרוים.

זעט דער יונג דאָס שיינע מיידל,
קלאַפּט זיין האַרץ פון פרייד,
גייט צום פענסטער לינקער, לינקער
ס'פערדל שטילערהייט.

„עס באַהאַלט זיך די לבנה,
טונקלער ווערט די נאַכט.
טרינק-זשע אָן מיין פערדל גיכער,
קום ארויס, מיין פראַכט".

— ניין, אָ, צו אַ מאַן א פרעמדן
איז מיר גיין פאַרווערט,
כ'שרעק זיך איצט פון שטוב ארויסגיין
אָנטרינקען דיין פערד. —

„שרעק זיך נישט, מיין שיינע מיידל,
ווער מיט מיר באַפריינדט!"
— ס'איז די נאַכט פאַר מיר געפערלעך. —
„האָב נישט מורא היינט!"

„גלויב, מיין ליבינקע, ס'איז גאָרנישט;
וואַרף אַוועק דיין שרעק!
האָב נישט מורא, ס'גייט בחנם
גאָלדנע צייט אַוועק!

זעץ זיך אויפן פערד — איך פיר דיך
אין אַ ווייטן לאַנד;
גליקלעך ווערסטו — אַ גן־עדן,
גוט איז זאַלבענאַנד!"

און דאָס מיידל האָט איר פחד
ביסלעכווייז באַזיגט,
ווערט זי מסכים גלייך צו פאָרן,
ס'איז דער יונג באַגליקט.

רוישיק יאָגן זיי און פליען;
ס'איז די ליבע גרויס;
ר'איז געווען איר טריי צוויי וואָכן
און דערנאָכדעם — אויס!

•

דער שוואַרצער שאַל

(מאָלדאַווישעס ליד)

כ'קוק וואַנזיניק-ווילד אויף דעם שאַל, וואָס איז שוואַרץ,
און ס'צוקט מיר אַ טרויער מיין אייזקאַלטן האַרץ.
לייכט-גלויביק געווען בין איך, יונג, נישט באַטריבט, —
האָב איך דאַן אַ גריכין א יונגע געליבט.
זי האָט מיך אין צערטלעכער ליבע פאַרוועבט, —
ביז כ'האָב צו דעם טאָג צו דעם שוואַרצן דערלעבט!
איך רוף צו זיך איינמאָל פיל פריילעכע געסט;
אַ ייד א פאַרפלוכטער קומט-אָן באַלד צום פעסט;
ער רוימט מיר: דו הוליעסט מיט פריינט אין דיין היים,
און דיר האָט פאַרראַטן דיין גריכין געהיים!
איך גיב אים אַ גאָלד-שטיק, כ'פאַרשילט אים, און גיך
דאַן רוף איך מיין דינער מיין טרייען צו זיך.
כ'יאָג באַלד אויפן פערד אויפן שנעלן צו איר,
און ס'שווייגט די באַשיידענע מיטלייד אין מיר.
ווי כ'האָב נור דערזען פון דער גריכין דעם שוועל, —
אין אויגן ווערט טונקל, שיער חלשט מיין זעל...
אַריין אין דעם חדר דעם וויטן בין איך —
איר קושט אַן אַרמענער און פרעסט איר צו זיך.
איך ווער ווי צעטומלט — מיין שטאָל טוט אַ קנאַל:
און ס'טויט אים אין מיטן דעם קוש מיין קינזשאַל!
דעם קאָפּלאָזן גוף כ'האָב געטראָטן, געצוקט,

און שטום אויף דער מיידל, אַ בלאַסער, געקוקט.
כ׳געדענק איר געבעט נאך, און בלוט אָן אַ שיער...
געשטאָרבן די גריכין, די ליבע מיט איר!
דאַן רייס איך דעם שאַל איר דעם שוואַרצן פון קאָפּ,
און וויש דאַן מיין בלוטיקן שטאָל מיט אים אָפּ.
מיין דינער האָט ביידן אין טונקעלער נאַכט
אין כוואַליעס פון דונאַי צו קבורה געבראַכט.
זינט דאַן קוש איך מער נישט קיין אויגן פול פראַכט,
זינט דאַן ווייס איך מער נישט קיין פריילעכע נאַכט;
כ׳קוק וואַנזיניק-ווילד אויף דעם שאַל, וואָס איז שוואַרץ,
און ס׳צוקט מיר א טרויער מיין אייזקאַלטן האַרץ.

עלעגיע

פאַרלאָשנע פרייד פון וואַנזיניקע יאָרן
ווי ווײַן-באַרוישונג איז מיר שווער געוואָרן.
פאַרשוועבטער טרויער איז אַזוי ווי ווײַן,
וואָס עלטער — שטאַרקער ווערט אין זעל דער פּײַן.
מײַן וועג איז טריב. ס'זאָגט צרות צו פון ווײַטן
דער בייזער ים פון צוקונפטיקע צײַטן.

דאָך וויל איך, פרײַנט, נישט שטאַרבן! כ'וויל נאָך זײַן,
כ'וויל לעבן, אום צו דענקען, פילן פּײַן;
און כ'ווייס, איך וועל נאָך האָבן אויך געוּוסן
צעווישן טרויער, זאָרגן און פאַרדרוסן:
באַרוישן וועט אויפסניי די האַרמאָני,
מיך צווינגען ווײַנען וועט די פאַנטאַזי;
און, אפשר, ווען מײַן לעבנס-זון גייט-אונטער, —
שטראַלט מיר אַ לעצטער ליבע-שמייכל מונטער.

ווידערגעבורט

א קונסט-באַרבאַר מיט פּינזל בלאָסן
מאַכט פון דעם זשעניס בילד אַ תל, —
און מאָלט, דערפילט מיט משוגעתן,
דאָרט זיין פאַרברעכעריש געמעל.
דאָך, מיט דער צייט, די פרעמדע פאַרבן
ווי שופּן פאַלן-אָפּ געטריי;
דעם זשעניס שאַפונג קאָן נישט שטאַרבן;
זיין אַלטע פראַכט שטראַלט-אויף אויפסניי.
אַזוי פאַרשווינדט דער חטא דער קלענסטער,
די פעלערן פון מידער זעל,
און ס'שטייגן-אויף אין איר געשפּענסטער
פון ערשטע יוגנט-יאָרן העל!

דאָס ליד וועגן אָלעג

עס קלייבט זיך צו נעמען דער גרויסער אָלעג
פון נאַרישע כּוזרים נקמה:
די דערפער און פעלדער, פאר זייער געשלעג,
צושטערט ער אין פלאַם און מלחמה.
צוגלייך מיט זיין מחנה, אין פאַנצער געשמידט,
דורך פעלד אויף זיין פערד רייט דער פירשט אין-דער-מיט.

פון טונקעלן וואַלד גייט דער וואַלדיקער זון,
אַן אַלטער מכשף אַנטקעגן,
דער דינער דער טרייער פון גרויסן פּערון,
דער ווייסער פון קינפטיקע וועגן.
אין תּפילות, נביאות פארבריינגט ער די טעג,
און ס׳פּאָרט צו דעם זקן, דעם קלוגן, אָלעג.

— אָ, זאָג מיר, מכשף, דו ליבלינג פון גאָט,
וואָס וועט אין מיין לעבן געשען?
צי באַלד וועט מיין קבר-ערד געבן א שאָט,
און ס׳וועלן די שונאים זיך פרייען?
אַנטפּלעק מיר דעם אמת, נישט שרעק זיך פאַר מיר:
אַ פערד אַלס מתּנה דאַן שענק איך פאַר דיר!

„מיר פילן קיין שרעק, און מיר זיינען נישט שוואַך,
מיר דאַרפן פון פירשט קיין געשאַנקען!
מיט אמת און פרייהייט איז פול אונזער שפּראַך,
באַפרייענדעט מיט הימלס געדאַנקען!
עס רוען אין חשך די קינפטיקע טעג;
נור כ׳זע אויף דיין שטערן דיין שיקזאַל, אָלעג!

געדענק־זשע אַצינד מיינע ווערטער און גלויב!
דער רום איז אַ תענוג דעם קריגער;
דיין נאָמען איז פול מיט נצחונשן לויב:
ביים סטאַמבול — דיין שילד איז, אָ זיגער!
דער ים און יבשה — געהאָרכזאַמע פריינט;
און ס׳זיינען דיין מזל מקנא די פיינט.

פון בלויליכן ים דער פאַררעטערשער וואַל
אין שעהן פון שטורמיקן צאָרן,
דער בויגן און פייל, און דער שלויער קינזשאַל, —
זיי שוינען פון זיגער די יאָרן...
דער גרויזאַמער פאַנצער באַשיצט פון אַ וווּנד, —
אַ סודיקער וועכטער פאַרהיט דיין געזונט.

דיין פערד פילט קיין שרעק פאר געפערליכע מי,
ער פילט דעם פאַרלאנג פון באַפעלער, —
דאָ שטייט ער זיך רויק, דאָ — טוט ער אַ פלי,
און יאָגט דורך דעם שלאַכט־פעלד אַלץ שנעלער!
עס אַרט אים קיין קעלט און קיין שלאכט אויף דער ערד, —
דאָך קומט דיר דיין טויט פון דיין אייגענעם פערד!״

אָלעג טוט אַ שמייכל; דעם שטערן און בליק
באַדעקט אַ געדאַנקען פון קומער;
געלענט מיט דער האנט אָן דעם זאָטל, — צוריק
פון פערד שטייגט אראָפּ ער, אַ שטומער;
זיין האנט מיט דעם טרייען פערד זעגנט זיך אלץ,
און גלעט אלץ און צערטלט דעם פערד ביי דעם האַלז.

— אָ, זיי-זשע געזונט, מיין געהאָרזאמער קנעכט,
געקומען די צייט זיך צושיידן;
רו-אָפּ זיך אצינד, — ס'וועט מיין פוס צום געפעכט
אויף דיר שוין נישט שטייגן אין פריידן!
אָ, זיי-זשע געזונט, און געדענק מיך אין רו!
נעמט, יונגען-חברים, דעם פערד מיינעם צו!

באַהילט אים מיט דעקעס, און טעפּיכערווייז,
פירט-אָפּ אים אין פעלד פאר די צוימען;
און באָדט אים, און נערט אים מיט טייערע שפּייז,
טרינקט-אָן אים מיט וואסער פון שטרוימען."
עס פירן די יונגען דעם פערד ערגעץ-ווו,
און פירן אַ פערד באלד אַן אנדערן צו.

עס הוליעט צוגלייך מיט זיין מחנה אָלעג,
ביים פרייליכן קלאַנג פון די גלעזער.
די האָר זיינען ווייס, ווי באַגיניקער שניי
אריבער די בערגישע גרעזער...
זיי אלע דערמאָנען פאַרשוווּנדענע טעג,
די טעג פון געמיינזאמען שלאכטן-געשלעג.

— און ווו איז מיין חבר? — פרעגט פלוצלונג אָלעג:
אָ, ווו איז מיין פערד מיין פארשייטער?
געזונט? לויפט ער לייכט ווי אמאָליקע טעג?
צי שטורעמט ער, שפילט ער נאָך ווייטער?"
און ס'הערט זיך אן ענטפער: „געקומען זיין סוף,
ביים באַרג רוט ער לאַנג שוין אין אייביקן שלאָף!"

דער גרויסער אָלעג לאָזט אראָפּעט זיין קאָפּ,
און קלערט: „ווו זשע איז די נביאות?
מכשף וואַנזיניקער, נאַרסט מיך גאָר אָפּ!
דיין טרעפן איז פאַלש און איז מיאוס!
מיין פערד וואָלט ביז איצט מיך געטראָגן אויף דר'ערד!"
און זען וויל ער שנעלער די ביינער פון פערד.

מיט איגאָרן פאָרט שוין אָלעג פון זיין הויף,
מיט געסט אלע, ס'בלייבט נישט קיין איינער,
און זעט: אויפן באַרג, ביי דעם דניעפּרס געלויף,
דאָרט ליגן די יחוסע ביינער;
דער רעגן צעשווייינקט זיי, דער שטויב זיי פאַרשיט,
און ס'כוואַליעט דער ווינט דאָרט דעם גראָז, וועלכער בליט.

ס'טרעט-אָן אויף דעם שאַרבן דער פירשט מיט פאַרדראָס:
— שלאָף, חבר! רו-אויס יעדן אבר!
ס'האָט איבערגעלעבט דיך שוין דיין בעל-הבית;
ביים פעסט אויף מיין נאָענטן קבר
נישט דו וועסט באגיסן די גראָזן מיט בלוט,
און אָנטרינקען דאַמאָלס מיין לייכע, וואָס רוט!

איז אָט ווו געוועזן מיין געפאר שוין פון לאנג!
מיט טויט האט געדראָט מיר דער קנאָכן!״
פון קאפ פון דעם טויטן דערווייל איז אַ שלאנג
ווילד־שיפענדיק לאַנגזאם געקראָכן;
פאַרפלעכט ווי א סטיינגע א שווארצע די פיס —
און פלוצלונג שרייט אויסעט דער פירשט פון דעם ביס...

עס שוימען די ווייניקע קרוגן נישט קאַרג —
ביים קבר פון טויטן אָלעגן;
עס זיצן דאָרט איגאָר מיט אָלגען ביים באַרג,
און ס׳הוליעט דער חיל אויף די ברעגן;
די קריגער דערמאָנען פארשווונדענע טעג,
די טעג פון געמיינזאמען שלאַכטן־געשלעג.

דער דערטרונקענער

ס׳לויפן־אָן אין שטוב די קינדער,
רופן איילנדיק, געשווינד:
„טאַטע, טאטע! ס׳האָט געבראַכט דאָ
אונזער נעץ א מת אַצינד.
„לייגט אייך, לייגט אייך, איר קונדסים,
ברומט דער טאטע אויס מיט כעס;
אָך, די שטיפערישע קינדער!
ס׳וועט שוין זיין פאר אייך א שפאס!

ס׳וועט אהער דער ריכטער קומען;
זאָגט, וואָס וועל איך דאמאָלס טאָן...
מילא, גיב אהער, מיין ווייבל,
שנעל דעם קאַפטן; כ׳טו זיך אָן...
ווו־זשע איז דער מת? — „אָט איז ער!”
און אַן אמת — ווו פאַרשפּרייט
ליגט ביים ברעג דער נעץ דער נאסער,
רוט א מענטש, שוין קאַלט און טויט.

ס׳איז דער מת געווען געשוואָלן,
און אינגאנצן בלוי געווען.
אַ שלים־מזל האָט זיך אפשר
דאָ מיט זיך געענדיקט ווען?

צי א פישער איז געווען דאָס?
צי א סוחר, וואָס איז רייך,
האָבן רויבער דאָ באגנבעט
און אריינגעשלעפּט אין טייך?

דאָס גייט ווייניק אָן דעם פּויער!
מיט א שרעקעדיקן בליק
שלעפּט דער פּויער יענעם קערפּער
פאר די פיס אין טייך צוריק,

פון משופּעדיקע ברעגן
מיטן רודער שטופּט ער צו.
און דער טויטער שווימט שוין ווידער,
נאָך א צלם און נאָך רו.

לאַנג געשוווּמען איז דער טויטער
ווי א לעבעדיקער פלעק.
ס'האָט דער פּויער מיט די אויגן
אים באגלייט און איז אוועק.
— „נו, און איר נאָך מיר גייט, שנעקעס,
ס'ווערט צו קוילעטש אייך געשענקט!
אָבער זעט, איר זאָלט נישט פּלאַפּלען,
קלעפּ באקומט איר דאן, געדענקט!”

אין דער נאכט רוישט-אויף דער וועטער,
און דער טייך צורעגט זיך אויך;
לאנג פארלאָשן איז דער קין שוין,
אין דער פּויער-שטוב, אין רויך;
ס'שלאָפן קינדער, ס'שלאָפט דאס ווייבל,

ס'ליגט דער פויער אויף זיין אָרט;
ס'ברומט דער שטורם; פּלוצלונג הערט ער:
עמיץ קלאפּט אין פענסטער דאָרט.

„ווער איז דאָרט!" — „עי, לאָז אריין מיך!" —
— „סאַרא צרה! זאָגט מיר, ווער?
וואָס-זשע בלאָנדזשעסטו, ווי קין?
ס'טראָגט דער רוח דיך אהער!
כ'האָב קיין צייט נישט! און אין שטוב איז
פינסטער; ענג — אַ וואנט ביי וואַנט".
און ער עפנט-אויף דעם פענסטער
מיט דער פוילער שווערער האַנט.

ס'שווימט דורך וואָלקנס די לבנה —
וואָס-זשע? עמיץ נאַקעט שטייט;
ס'שטרוימט פון באָרד אַראָפּ דאָס וואַסער,
און דער בליק איז שטאַר און טויט;
אַלץ אין אים איז שטום און שרעקלעך,
ס'הענגען גלייך די הענט אַראָפּ,
און אין קערפּער שטעקן קרעבסן,
זויגן, רייסן זיך נישט אָפּ.

און דערקענט האָט דאַן דער פויער
יענעם גאַסט; ער טוט אַ מאַך
צו דאָס פענסטער. — „גיי צום טייוול!"
האָט ער אויסגעמורמלט שוואַך.
און אין שרעק האָט אים געפיבערט,
ס'איז אומזיסט געווען זיין מי,

אלץ געקלאַפּט האָט ווער אין טויער
און אין שויב ביז אינדערפרי.

ס׳גייט ארום אין פאָלק א מעשה:
מען דערציילט, אז יעדן יאָר
וואַרט דער אומגליקלעכער פויער
אויף זיין גאַסט, וואָס קומט אין וואָר;
שוין פון פרי ווערט בייז דער וועטער,
ס׳טוט דער שטורעם זיך א הויב
און עס קלאַפּט ביינאַכט דער טויטער,
קלאַפּט אין טויער און אין שויב.

שדים

וואָלקנס יאָגן, וואָלקנס דרייען;
ס׳לייכט בסתר און פאַרטראַכט
די לבנה אויף די שנייען;
כמאַרנער הימל, כמאַרנע נאַכט.
כ׳פאָר און פאָר אין פעלד אין ווייסן,
און דאָס גלעקל דין-דין-דין...
שרעקלעך, שרעקלעך ווערט אין פעלדער,
וועלכע ציען זיך וווהין!

— צי, פאָר ווייטער, פורמאַן! — „כ׳קאָן נישט;
עס איז שווער אצינד די פערד;
ס׳קלעפּט דער שטורעם מיר די אויגן;
און פאַרשנייט די גאַנצע ערד;
הרגע כאָטש, מען זעט קיין שפּור נישט;
אַך, פאַרבלאָנדזשעט האָבן מיר!
ס׳פירט אַ שד אונז אין די פעלדער,
און ער דרייט אונז אָן אַ שיער!

„טו אַ קוק נאָר: אָט-אָ שפּילט ער,
בלאָזט און שפּייט מיר אומגעשטערט;
אָט-אָ שטויסט ער אין די גראָבנס
דעם צעווילדעט-בייזן פערד;

דאָרטן איז ער ווי אַ וויאָרסט-זייל
שטום געשטאַנען נעבן מיר;
דאָ — אַ שטראַל געטאָן אין שוואַרצקייט,
און פאַרפאַלן באַלד אין איר.

וואָלקנס יאָגן, וואָלקנס טראָגן;
די לבנה, האַלב-פאַרמאַכט,
העל באַלויכט דעם שניי, וואָס שיט זיך,
כמאַרנער הימל, כמאַרנע נאַכט.
מער נישטאָ קיין קראַפט זיך דרייען;
ס'שטומט דער גלעקל-קלאַנג אין רוים;
ס'שטייט דער שליטן... איז א וואָלף דאָרט
צי אַן אָפּגעהאַקטער בוים?"

ס'כעסט דער שטורעם, ס'וויינט דער שטורעם;
און די פערד — זיי סאָפּען שנעל;
אָט-אָ טראָגט ער זיך אין ווייטן,
זיינע אויגן ברענען העל!
ס'טראָגן ווידער זיך די פערד שוין;
און דאָס גלעקל דין-דין-דין...
כ'זע — עס קלייבן-אויף זיך שדים
אין דעם ווייסן פעלד אהין.

לאנגע-לאנגע, עקלהאפטע,
אין לבנהדיקן גלאנץ,
ווי די בלעטער אין נאָוועמבער,
גייען שדים ווילד א טאַנץ...
וויפיל שדים! וווּ זיי טרייבט מען?

און וואָס זינגען זיי מיט ווײ?
צי באַגראָבן זיי אַ שדל?
האָט ווער חתונה פֿון זיי?

וואָלקנס יאָגן, וואָלקנס דרייען,
ס'לויכט בסתר שטיל-פֿאַרטראַכט
די לבֿנה אויף די שנייען;
כמאַרנער הימל, כמאַרנע נאַכט.
ס'טראָגן שדים זיך נאָך שדים,
אין דער הויך אומענדלעך-שוואַרץ
זייער קלאָגנדיקעס ברומען
רייסט און צופּט אין מיר מײַן האַרץ...

ווינטער־אָוונט

ס׳מאַכט דער שטורעם שוואַרץ דעם הימל,
שנייען־זיילן דרייט אין ווינט;
אָט־אָ ברומט ער ווי א חיה,
אָט־אָ וויינט ער ווי א קינד!

אין דעם אַלטן שטרויען־דעכל
האָט ער שטיל א רויש געטאָן;
ווי א וואַנדערער פאַרשפּעטיקט
אין דעם פענסטער קלאַפּט ער אָן.

ס׳איז אין אונזער אַלטן שטיבל
פינסטער, טרויעריק ארום;
וואָס־זשע, אַלטיטשקע דו מיינע,
זיצסט אַליין ביים פענסטער שטום?

צי עס האָט דאָס שטורעם־ברומען
דיך געמאַכט, מיין ליבסטע, מיד?
צי עס האָט דיך איינגעשלעפערט
פון דיין שפּינדל־ראָד דאָס ליד?

לאָמיר אויסטרינקען, מיין פריינדין,
יוגנט־חברטע דו מיין!

טרינק פון צרות! גיב דאָס קריגל!
ס׳וועט דעם הארצן פרייליך זיין!

זינג אַ ליד, ווי ס׳האָט אַ פויגל
הינטער ים פאַרבראַכט די טעג;
זינג אַ ליד מיר, ווי אַ מיידל
איז נאָך וואַסער פרי אַוועק!

ס׳מאַכט דער שטורעם שוואַרץ דעם הימל,
שנייען-זיילן דרייט אין ווינט;
אָט-אָ ברומט ער ווי אַ חיה,
אָט-אָ וויינט ער ווי אַ קינד!

לאָמיר אויסטרינקען, מיין פריינדין,
יוגנט-חברטע דו מיין!
טרינק פון צרות! גיב דאָס קריגל!
ס׳וועט דעם האַרצן פרייליך זיין.

אַנטשאַר

אין ווייטן מדבר, וויסט און קאַרג,
אויף הייס צעגליטע זאַמד און שטיינער,
שטייט ווי אַ וועכטער גרויזאַם שטאַרק
אַנטשאַר, אין וועלט אין גאַנצער איינער.

די דורשטיק ערד, וואָס בלייבט נישט זאַט,
האָט אים אין צאָרן-טאָג געבוירן,
און האָט אין גרינס פון צווייג און בלאַט
און אין די וואָרצלען סם פאַרלוירן.

עס טריפט דער סם אַדורך זיין הויט,
בייטאָג צעשמעלצט ער זיך, צעקריכט ער,
און ווערט פאַרנאַכט פאַרגליווערט רויט,
ווי דורכזיכטיקער פעך געדיכטער.

צו אים קיינמאָל קיין פויגל ציט,
קיין טיגער גייט; נור ווינט צעפלאַמטער
צו יענעם טויט-בוים אָפטמאָל פליט, —
און יאָגט צוריק, שוין אַ פאַרסמטער.

און טרעפט, אַ וואָלקן ווען באַטריפט
די שווער-געדיכטע זיינע בליטן, —

פון זיינע צווייגן פול מיט גיפט
דער רעגן טריפט אין זאַמד צעגליטן.

נור ס'האָט אַ מענטש א מענטש אין וועג
געשיקט צום בוים מיט בליק מיט שטומען, —
ער איז געהאָרכזאַם באלד אַוועק,
און אין דערפרי מיט סם געקומען.

ער האָט געבראַכט דעם טויטן-גיפט
מיט אַלט-פארוועלקטע בלעטער אלטע,
און אויפן שטערן האָט געטריפט,
געשטרוימט דער שווייס אין כוואַליעס קאַלטע.

געבראַכט, און האָט געלייגט זיך שלאָף
אין צעלט, מיט בלעטער-אויסגעשטיקטן,
און שטום געשטאָרבן איז דער שקלאַף
ביי פיס פון הערשער אומבאַזיגטן.

און ס'האָט דער מלך דאַן, באַגליקט,
מיט גיפט באטריפט די טרייע פיילן,
און האָט פארוויסטונגען צושיקט
אין לענדער שכנישע אויף מיילן.

*

דער לעצטער וואָלקן

אָך, וואָלקן דו לעצטער פון שטורעם צעזייטן,
דו איינער נאָך טראָגסט זיך אין הימל אין ברייטן!
דו איינער פאַרשפרייטסט נאָך אַ שאָטן ארום,
דו איינער דעם טאָג אין אַ טרויער הילסט-אום!

נישט לאַנג האָסט דעם הימל דעם גאַנצן געפאַנגען,
און ס'האָבן דיך בליצן געוויקלט ווי שלאַנגען,
און דו האָסט א דונער ארויסגעלאָזט ווילד
די דורשט פון דער ערד מיטן רעגן געשטילט!

גענוג שוין, באַהאלט זיך! די צייט איז פארשוווּמען,
דער שטורעם אַוועק, ס'זיינען פריש אלע בלומען;
און גלעטנדיק צערטלעך די בלעטלעך פון בוים,
פאַריאָגט דיך דער ווינט פון דעם הימלישן רוים!

•

אליין ביים פענסטער פול מיט טרוימען,
דערפילט מיט אַ געהיימען שרעק,
געקוקט מיט אומרו אי דין רוימען,
ווו ס'לויפט דער וועג דורך בערג אַוועק.

„כ'בין דאָ!" — אַ פּליסטער טוט איר שענסטער.
און זי, מיט ציטערניש דערפילט,
מאַכט־אויף אין שרעק געשווינד דעם פענסטער:
און די לבנה איז פאַרהילט...
אָ, גליקלעכער! — האָב איך געטרויערט, —
נור פרייד און שמחה וואַרט אויף דיר;
ווען וועט זיך שוין אין שטילן אָוונט
דער פענסטער עפנען אויך פאַר מיר?

*

דער פענסטער

ווּ איז די וועלט, די וועלט פון טרוימען?
די וועלט די אמתע איז לער!
גלייכגילטיק קוק איך אין די רוימען;
איך אָטעם נור מיט אומעט שווער.
אומזיסט אין זומער פליט אַנטקעגן
דער ליבלינג פון דעם פעלד און וואַלד
פון ווייטע שאָטנדיקע ברעגן,
און וויגט די פעלד-רויז יונג-צעשטראַלט.

אומזיסט לויכט-אויף דער בליץ דער שפעטער
אין שטילן טונקל פון דער נאַכט,
צי אין דעם לייכטן וואָלקן-עטער
צעפלאַמט די זון זיך אין איר פראַכט,
צי שטאַרבט דער טאָג דער רויטער ווידער,
דער הימל טונקלט זיך צעגלייך,
און אין לבנה בלייכט אַ מידער
דער בוים ביים ברעג פון בלויען טייך.

נישט לאַנג, אין טונקלע אָוונט-שעהן
ווען די לבנה זיך געגליצט
האָט דורך דעם נעבל-רוים דעם בלויען, —
האָב איך דערזען: אַ מיידל זיצט

דער דיכטער

כל-זמן עס פֿאָדערט נישט דעם דיכטער
צום הייליק קרבן אַפּאָללאָן, —
אין וועלט פֿון טומל און פֿון זאָרגן
איז ער מיט זייִנער זעל פֿאַרטאָן...

עס שווייגט זיין הייליק-רייִנע לירע,
אַ שלאָף אַ קאַלטער דריקט אים שווער,
און צווישן אַלע ערדן-קינדער,
קאָן זיין, דער נישטיקסטער איז ע ר...

דאָך ווי ס׳דערגרייכט זיין פֿיינעם אויער
גאָטס וואָרט — דאַן פֿלאַטערט אויפֿעט שנעל
פּונקט ווי אַן אויפֿגעוואַכטער אָדלער
אין אים זיין פֿרייִע דיכטער-זעל...

דאַן בענקט ער צווישן די תענוגים,
די רייד פֿון מענטשן מייִדט ער אויס,
און בויגט נישט צו די פֿיס פֿון פֿאָלקס-געץ
זיין קאָפּ, — ער איז דאַן שטאָלץ און גרויס...

ער לויפֿט אַוועק, אַ גרויזאַם-ווילדער,
דערפֿילט מיט אומרו און מיט קלאַנג,

צום ברעג פון ווייטע וויסטע כוואַליעס,
צום וואַלד, וואָס רוישט זיין שטיל געזאַנג...

אַראָפּ פון זין

אַראָפּ פון זין, — באַהיט מיך, גאָט!
שוין בעסער וואַנדערשטאַב און שפּאָט;
שוין בעסער הונגער, מי.
נישט ווייל איך האָב מיין שכל האָלט,
נישט ווייל איך וואָלט זיך נישט געוואָלט
מיט אים צעשיידן פריי.

אַך, וואָלט מען מיך געלאָזן פריי,
וואָלט איך אַוועק אין שטיפעריי
צום טונקלען וועלדער-רוים!
אין וואַנזין זינגען מיין געזאַנג,
און דאָרט פאַרגעסן זיך אויף לאַנג
אין כשופדיקן טרוים.

איך וואָלט געהאָרכט, ווי ס'רוישט די וועל,
איך וואָלט געקוקט אין הימלען העל,
פון שטילן גליק דערפילט;
גלייך ווי אַ שטורעם פריי און שטאַרק,
וואָס גראָבט די פעלדער, טאָל און באַרג,
וואָס ברעכט די וועלדער ווילד.

איז דאָך די צרה, וואָס דו ועסט

באַלד ווערן שרעקלעך, ווי די פּעסט;
מען מאַכט, מען שליסט דיך צו:
דו זיצט אין קייטן דאָרט און שווייג,
וו'אַ חיה, רייצט מען דיך אין שטייג,
מען לאָזט דיר נישט צו רו.

און כ'וועל נישט הערן אינדערנאַכט
קיין רויש פון וואַלד, וואָס ברומט פאַרטראַכט,
קיין נאַכטיגאַל-געזאַנג,
נור פון חברים דעם געשריי,
דעם וועכטערס קללות, און מיט זיי
דעם שווערן קייטן-קלאַנג.

•

דער חתן

דריי טעג געווען דעם סוחרס קינד,
נאַטאַשע, ווי פֿאַרפֿאַלן;
ערשט אויף דער דריטער נאַכט אין שטוב
פֿול אַנגסט אַריינגעפֿאַלן;
די טאַטע-מאַמע שטייען-צו;
מען פֿאָרשט, מען לאָזט איר נישט צורו;
זי הערט זיי נישט, — דערשיטערט
די אָטעמט קוים און ציטערט.

די טאַטע-מאַמע טרויערן,
און פֿאָרשן, פֿול מיט באַנגען;
דאָך לאָזן זיי איר אָפּ לסוף,
די סודות נישט דערגאַנגען.
נאַטאַשעס אומעט גייט פֿאַרביי,
ווערט ראָז און פֿריילעך אויף דאָסניי,
מיט שוועסטער זעצט זי ווידער
ביים טויער זיך אַנידער.

איינמאָל, זי זיצט ביים טויער דאָרט
מיט פֿריינדינס — האָט געטראָפֿן,
אַז אומדערוואַרטעט האָט פֿאַרביי
מיט רעש פֿאַרבייגעלאָפֿן

אַ פלינקע „טראָיקע" בראַוו און ווילד,
די פערד מיט טעפּיכער געהילט;
עס שטייט אַ יונג אינמיטן,
ס'יאָגט אַלעמען דער שליטן.

ער פאָרט פאַרביי און טוט אַ בליק.
באַטאַשע האָט דערזען אים;
יאָגט-דורך ער ווי אַ שטורעם-ווינד —
דערפילט זי שרעק פאַר יענעם;
זי פליט געשווינד אַהיים און שרייט:
„ער! ער! דערקענט! אָט דאָ נישט ווייט!
באמת, ער! אויף זיכער!
אָ, ראַטעוועט וואס גיכער!"

מען האָרכט פאַרטרויערט, מ'שאָקלט שטיל
די קעפּ אין אַנגסט און שרעקן;
דער פאָטער זאָגט: „מיין ליבעס קינד,
דו מוזט דיין סוד אַנטדעקן.
האָט אפשר דיך באַליידיקט ווער?
אָ, כאָטש אַ שפּור ווייז-אָן, נישט מער".
פאַרגייט זי זיך אין יאָמער —
קיין לשון איז נישטא מער.

אויף מאָרגן איז די שדכנטע
צו זיי אין שטוב געקומען,
גערימט נאַטאַשן, שמוסן
מיטן פאָטער גלייך גענומען:
„איך האָב אַ סוחר, סחורה — איר;

דער יונג איז העלדיש־בראַוו אָן שיער,
אי שלאַנק, אי פלינק, איך קאָן אים
אַלס נישט קיין עזות־פנים.

„אי רייך, אי קלוג, און בוקט זיך נישט
פאַר קיינעם מיט הכנעה,
ער לעבט זיך ווי אַ פּריץ דאָרט,
אָן זאָרגן, פול הנאה;
דער כלה שיינקט ער, גלויבט עס מיר,
א פוקסן־פוטער, פערל־ציר,
גאָלד־רינגען, ווי דער סדר,
און זייד־און סאַמעט־קליידער".

„ר'האָט נעכטן זי ביים שטוב געזען,
ס'געפעלט אים, בנאמנות;
נו, איז געמאַכט, און לאָמיר גיין
אין צערקווע מיט איקאָנעס!"
זי זיצט ביים קוכן דאָרט ביז שפעט,
און פירט איר שמועס, רעדט און רעדט;
די כלה רעדט קיין וואָרט נישט —
זי זעט פאַר זיך קיין אָרט נישט.

„כ'בין מסכים, זאָגט דער פאָטער דאַן;
איר קענט מיט מזל גיין שוין!
באַטאַשינקע, צום חופה־שטאַנג —
געוונג צו זיין אליין שוין.
קאָנסט אייביק דאָך קיין מיידל זיין,
און זינגען לידער פויגל־פיין, —

בוי-אויס דיין נעסט געשווינדער,
און האָדעווע זיך קינדער״!

נאַטאַשע שפּאַרט זיך איין אין וואַנט,
און וויל ווי עפּעס זאָגן, —
דאָך פלוצלונג נעמט זי טרייסלען זיך,
נעמט לאַכן באַלד און קלאָגן.
ס׳לויפט-צו די שדכנטע צעמישט,
טרינקט-אָן מיט וואַסער איר און פרישט,
און גיסט אַלץ אויס, אָן-קשיות,
גלייך אויפן קאָפּ נאַטאַשעס.

עס קרעכצט אין טרויער דאָס געזינד.
נאַטאַשע קומט באַלד צו-זיך,
און זאָגט: „וואָס טאַטע-מאַמע הייסט,
דאָס טריי דערפילן מוז איך.
גייט, רופט דעם חתן צו דעם פעסט,
באַקט אויסעט ברויט פאַר אַלע געסט,
זאָל זיין אויך מעד געדיכטער,
און רופט צום פעסט דעם ריכטער!״

„גאַנץ ווויל, נאַטאַשע, מלאך מיין!
כ׳בין גרייט אַוועקצוגעבן
מיין לעבן דיר!״ — און ס׳גייט אַ פעסט;
מען באַקט, מען קאָכט — אַ לעבן!
פון געסט, פון חשובים, אַ געמיש;
מען פירט די כלהשי צום טיש;

די פריינדינס זינגען, קלאָגן;
באַלד הערט מען שליטנס יאָגן.

דער חתן קומט — מען גייט צום טיש.
עס קלינגען, הילכן בעכער;
ס׳גייט רונד-אַרום די כוסה אום;
עס וואַקסט דער רעש אַלץ העכער.

דער חתן: דאָך וואָס-זשע, ליבע פריינט, קאָן זיין,
וואָס איינזאַם זיצט מיין כלה פיין,
נישט טרינקט, נישט עסט, ווי אַלע?
וואס טרויערט דען מיין כלה?״

די כלה: „מיר האט געטרוימט, כ׳בין אין אַ וואַלד
א טיפן, פול סכנה,
געווען איז שפעט; דורך וואָלקנס קאַלט
געשטראַלט האט די לבנה;
איך האב פארבלאָנדזשעט; נישט געווען
איז דאן קיין מענטש ארום צו זען,
נור סאָסנעס האָבן גרינע
גערוישט מיט שפיצן דינע.

„און פלוצלונג, גלייך ווי אויפן וואָר,
א שטיבל איך באגעגן.
כ׳גיי-צו; איך קלאַפּ — מען שווייגט; איך רוף —
קיין ענטפער קומט אַנטקעגן;
כ׳מאך-אויף די טיר; איך גיי אריין —
א ליכטל ברענט; איך זע ביים שיין —

גאָלד, זילבער, אַלץ איז ציכטיק,
נגידיש אַלץ און ליכטיק".

דער חתן: מיט וואָס-זשע, זאָג, איז שלעכט דיין טרוים?
באַשערט דיר רייך צו לעבן...

די כלה: וואַרט-אויף, מיין האַר, ס'איז נישט דער סוף.
דאָס זילבער, גאָלד, געוועבן,
דאָס ליייוונט, טעפּיכער בסוד
און סאַמעט, זייד פון באָוואָראָד
באַטראַכט איך אַלץ באַזונדער,
פאַרגאַפט פון גרויסן וווּנדער.

נור אָט — געשריי און פערד-געיעג...
ס'פּאָרט-צו וואָר; ווי א וויכער
כ'פאַרמאַך די טיר, כ'באַהאַלט זיך דאָרט
הינטער דעם אויוון גיכער.
כ'הער קולות פיל, איך הער א רוף...
עס קומען יונגען צוועלף ארויף
און טויבן-צאַרט און איידל
א וווּנדער שיינעס מיידל.

דער עולם קומט, טוט זיך קיין נויג
ביים הייליק בילד אפילו,
זיי זעצן אַלע זיך צום טיש
אין היטלען, אָן שום תפילה.
דער עלטסטער יונג — אויף ערשטן אָרט,
ביי רעכטער האַנט — דער יונגסטער דאָרט,

בײַ לינקער — צאַרט און אײדל
דאָס װוּנדער שײנע מײדל.
געשרײ, געלעכטער, לידער, רעש,
מען הוליעט, װײנען פליסן...

דער חתן: מיט װאָס־זשע, זאָג, איז שלעכט דײַן טרױם?
װעסט, הײסט עס, שמחות װיסן.

די כּלה: הער־אױס, מײַן האַר, דעם סוף פֿון טרױם.
מען שכּורט, רעשט, עס זידט דער שױם,
דער פּעסט דער רױשיקער דװיערט —
נור ס׳מײדל זיצט פֿאַרטרױערט.

זי זיצט און שװײגט, נישט עסט, נישט טרינקט,
איר טרערן־שטראָם װערט גרעסער;
זײַן מעסער נעמט דער עלטסטער ײנג,
פּײפֿט־צו און שלײפֿט דעם מעסער.
ער רײסט זײַן בליק פֿון איר נישט אָפּ,
און טוט אַ כאַפּ איר פֿאַרן צאָפּ:
דעם מערדערס האַנט די שלעכטע
האַקט־אָפּ איר האַנט איר רעכטע.

דער חתן זאָגט: „נו, דאָס איז גאָר
א בבא־מעשה גיכער!
נישט טרויער, ס׳איז קײן בײזער טרױם,
נשמהניו, זײ זיכער".
זי קוקט אין פּנים גלײַך דעם יונג,
„פֿון װעמעס האַנט־זשע איז דער רונג?"

שרייט פלוצלונג אויס די כלה, —
און ס׳שפרינגען־אויפעט אַלע.

עס קייקלט זיך דער רונג און קלינגט;
דער חתן — בלייך, אָן כח;
די געסט — צעמישט, דער ריכטער שרייט:
„כאַפּט, בינדט אים, דעם רוצח!״
געשמידט דאַן ווערט ער אומגעריכט,
און ווערט געטויט דורך דעם געריכט.
באַטאַשע ווערט באַרימט און גרויס!
און אונזער ליד איז אויס!

צו איר

עלווינע, ליבער פריינט! קום, גיב דיין האַנט אין ליידן!
איך וועלק, רייס־איבער מיר מיין שווערן לעבנס־שלאָף!
זאָג, וועל איך דיך נאָך זען? צי וועט צו אונזער שיידן
נישט נעמען גאָר קיין סוף?

מיר וועלן זיך נישט זען — דו מיך, און איך עלווינען?
צי מיינע יוגנט־טעג אַן אייביק חשך פרעסט?
צי קיינמאָל דער פרימאָרגן וועט אונז נישט געפינען
אין ליבע־אָרעמס פעסט?

עלווינע! אָ פאַרוואָס קאָן איך דיך מער נישט דריקן,
פאַרוואָס־זשע נעם איך מער מיט פרייד דיך נישט אַרום?
פאַרוואָס קאָן איך אויף דיר נישט ווענדן באַנגע בליקן,
אין תאוה צאַפּלען שטום?

אין שווייגנדיקן גליק, באַגייסטערט־העלע פריידן
שטיל צוהערן דיין זיפץ, דיין זיסע מורמלעריי,
אַנטשלאָפן נעבן דיר אין טונקל, און באַשיידן
דערוואַכן אויף דאָס ניי?

•

ווען כ'בלאָנדזשע אום...

ווען כ'בלאָנדזשע-אום אין רויש פון גאַסן,
צי כ'גיי אין טעמפּל ווען אַריין,
צי כ'זיץ מיט וואַנזיניקע יונגען —
דאַן וויגן מיך געדאַנקען איין.

איך זאָג: די יאָרן וועלן שווינדן,
און אַלע די, וואָס זענען דאָ,
וועלן אין אייביקייט אַוועקגיין
און ס'איז שוין נאָענט וועמעס שעה...

ווען כ'זע אַ דעמב, אַן איינזאַם-אַלטן,
דאַן קלער איך: זיידע פון דעם וואַלד!
פּונקט ווי אַצינד וועט נאָך מיין שטאַרבן
דאָ בליען מעכטיק מיין געשטאַלט!

און צערטל איך אַ קינד אַ ליבעס,
דאַן טראַכט איך שוין: אָ, זיי געזונט!
כ'טרעט-אָפּ מיין אָרט — איך מוז איצט וועלן,
און דו — דו בליען וועסט אַצונד!

און יעדער טאָג און יעדע שטונדע
פון מיין מחשבה ווערט באַגלייט:

און כ׳פּלייס מיך צווישן זיי געפינען
דעם יאָרצייט פון מיין צוקונפטס-טויט —

ווו וועט דעם טויט מיין מזל שיקן?
אין שלאַכט, אין וועג, אין כוואַליעס, ווו?
און אפשר אין דעם טאָל דעם נאָענטן
געפינען וועט מיין קערפּער רו?

כאָטש ס׳איז דעם אָטעמלאָזן קערפּער
אַלץ איינס, ווו ער באַגראָבן ווערט,
דאָך ווילט זיך מיר, אַז ער זאָל רוען
וואָס נענטער צו מיין היימאַטס-ערד...

און זאָל ביים טיר פון קאַלטן קבר
דאָס יונגע לעבן שפּילן זאַכט,
און די נאַטור גלייכגילטיק שיינען
זאָל מיט איר אייביק-נייער פּראַכט!...

דעם דיכטער

סאנעט

אָ, דיכטער! האַלט די פאָלקס-ליבע נישט טייער!
ס'פאַרשווינדט דער רעש פון דעם התפּעלותדיקן לויב!
עס משפּט דיך דער נאַר, און ס'לאַכט דער עולם טויב!
בלייב תּמיד רויק-האַרט, בלייב זיך אַליין אַ טרייער

ביזט מלך — לעב אַליין; דיך פירט אַ וועג אַ פרייער
אַהין, וווּהין דיין שכל טוט זיך שטאָלץ אַ הויב,
פאַרפולקום פון געדאַנק דיין טריי-געליבטע טרויב,
און פאָדער נישט קיין לוין פאַר איידלען גבורה-פייער;

ער איז אין דיר; ביזט זעלבסט — דיין העכערעס געריכט;
פון אַלע שטרענגער שאַצסטו אָפּ דיין מי און פליכט.
ביסטו באַפרידיקט, קינסטלער אומבאַרוטער, טיפער!

באַפרידיקט? טאָ זאָל שעלטן גראָב דיך דער המון,
און דיין מזבח-פלאַם באַשפייען, און דיין קרוין,
ראַש וויגנדיק דיין דרייפוס פונקט ווי קינדער-שטיפער!

*

שפּאַנישער ראָמאַנס

דער נאַכט־זעפיר
וויגט דעם עפירן;
עס שוימט,
עס שטרוימט
גוואַדאַלקוויוויר.

ס׳שטייגט אַ גאָלדענע לבנה,
שאַ... גיטאַרע־קלאַנגען צאַרט...
ס׳האָט אַ שפּאַניערין א יונגע
אָן באַלקאָן זיך אָנגעשפּאַרט...

דער נאַכט־זעפיר
וויגט דעם עפירן;
עס שוימט,
עס שטרוימט
גוואַדאַלקוויוויר.

וואַרף־אַראָפּ דיין מאַנטיליע,
ווי דער העלער טאָג דערשיין!
דורך די אייזערנע פּאָרענטשן
שטעק דיין פּיסעלע אַריין!

דער נאַכט-זעפיר
וויגט דעם עפיר;
עס שוימט,
עס שטרוימט
גוואַדאַלקוויוויר.

אַ ווינטער־מאָרגן

ס׳אַ פראַכט: פראָסט און זוניק הימל;
נאָך רוסטו, ליבער פריינט, אין דרימל,
שוין צייט, מיין שיינע, וואַך צו זיין!
מאַך־אויף די צאַרטע אויגן קלאָרע,
קעגן דער צפונדיק אַווראָרע
אַלס צפון־שטערן העל דערשיין!
געדענקסט פאַרנאַכט דעם שטורעמס קלאָגן,
אין הימל פלעגט דער נעבל יאָגן;
די לבנה, ווי אַ פלעק, האָט געל
דורך וואָלקנס פינסטערע געלויערט,
און דו געזעסן ביזט פאַרטרויערט, —
איצט טו אַ בליק אין פענסטער שנעל.
אונטער די בלויע הימלען ריינע
מיט טעפּיכער מיט פּרעכטיק־שיינע
אין זון דער שניי לויכט העל און קאַלט;
אין וואַלד אין דורכזיכטיקן, שוואַרצן.
דורך פראָסט די גרינע סאָסנעס שטאַרצן,
און אונטערן אייז דאָס טייכל שטראַלט;
פון אַ בורשטין־שיין א פאַרפלייצטער
דער צימער לויכט; און אַ פאַרהייצטער,
דער אויוון קנאַקט — א פרייד־מוזיק!
ס׳איז אָנגענעם אויף די טאַפטשאַנען...

פילייכט אין שליטן הייסן שפּאַנען
דאָס ברוינע פערדל צום „קוליק"?
דורך מאָרגן-שנייען לאָמיר שוועבן,
און, ליבער פריינט, זיך איבערגעבן
דעם אומגעדולדיקן געיעג;
באַזוכן וויסטע, פוסטע פעלדער,
די, נאָך נישט לאַנג געדיכטע, וועלדער,
און אויך דעם טייער-ליבן ברעג. —

די וואַסער־נימפ

ביים סאַזשווקע אין וואַלד געדיכטן
האָט לאַנג א נזיר וועג געלעבט;
אין תפילות, תענית, שטרענגע פליכטן
האָט דאָרט זיין שטילע צייט געשוועבט.
עס פלעגט שוין גראָבן אין ערוואַרטן
א קבר זיך דער אלטער מאַן,
און אויפן טויט דעם לאַנג־געגאַרטן
ביי הייל׳קע בעטן פלעגט ער דאַן.

ר׳האָט אין אַ זומער־נאַכט א שטילע
ביים שוועל פון שטיבעלע מיט האַרץ
געמורמעלט שטיל א הייסע תפילה;
דער וואַלד געוואָרן איז שוין שוואַרץ,
געערויכט א נעבל האָט אין דרימל,
ס׳האָט די לבנה זיך אין רו
געגליצט דורך וואָלקנדיקן הימל:
דער נזיר קוקט צום וואַסער צו...

ער קוקט און קוקט, ערפילט מיט שרעקן;
ער קאָן זיך זעלבסט איצט נישט פארשטיין...
ער זעט: דאָ נעמט די וועל זיך וועקן,
און דאָ — ווי פריער רויִק גיין...

און פֿלוצלונג, ווי אַ שאָטן לייכטער,
ווי ווייסער בערג-שניי, אָן אַ פֿלעק,
שטייגט-אויף אַ פֿרויען-גוף אַ פֿייכטער
און זעצט זיך שטום ביים ברעג אַוועק.

זי קוקט אויף דעם מאָנאַך, דעם זקן,
און קאַמט די פֿייכטע לאָקן-פּראַכט;
עס שטייט דער נזיר ווי צעשראָקן
און אירע שיינקייטן באַטראַכט.

זי ווינקט צו אים אין שטום באַגערן
און מיט איר קעפּל שאָקלט שנעל,
דאָ — ווי אַ פֿאַלנדיקער שטערן
פֿאַרשווינדט זי פֿלוצלונג אין דער וועל.

ער האָט די נאַכט שוין נישט געשלאָפֿן,
דעם טאָג אין תּפֿילות אַלץ פֿאַרבראַכט:
און, פֿול מחשבות, פֿול מיט האָפֿן,
האָט ער געזוען דער יונגפֿרויס פּראַכט.

דער וואַלד — געהילט אין נאַכט אין מידער,
עס לויכט שוין די לבֿנה ריין;
און ביי דעם וואַסער זיצט שוין ווידער
דאָס צויבער-מיידל בלאַס און שיין...

נעמט ווינקען מיט איר קאָפּ איר שנעלן,
און שיקט אים לופֿט-קושן געשווינד;
זי שפּילט, און שפּריצט זיך מיט די וועלן,

און לאַכט, צעוויינט זיך ווי אַ קינד:
זי רופט, און צערטלעך זיפצט זי, ווינקט זי:
„מאָנאַך, מאָנאַך! צו מיר, צו מיר!"
נור באַלד אויפסניי אין וואַסער זינקט זי,
און שטיל ווערט ווידער ארום איר...

ס'איז אויפן דריטן טאָג געזעסן
דער נזיר ביי דעם צויבער־ברעג,
ערוואַרט די שיינע שטראָם־פּרינצעסין,
ביז ס'הילט דער שאָטן בוים און שטעג...
ס'לויכט לאַנג די זון אין הימלען בלויע,
און דער מאָנאַך — פאַרשווונדן ווען...
אין וואַסער נור אַ באָרד אַ גרויע
האָבן די יינגלעך ווו געזען...

ציגיינער

אויף די וואַלד-באַדעקטע ברעגן,
ווען די אָוונט-שטילקייט נייגט, —
קומט געזאַנג פון געלט אַנטקעגן,
פייערס ווערן דאָרט געלייגט.

שבט גליקלעכער, גוט מאָרגן!
איך דערקען דיין שייטער-וועלט:
כ׳וואָלט אַליין צומאָל אָן זאָרגן
טריי באַגלייטן דיין געצעלט!

ס׳ווערט מיט ערשטע מאָרגן-ליכטער
אייער פרייער שפור פאַרוויט,
איר פאָרט-אָפּ — דאָך פון דעם דיכטער
ווערט איר מער שוין נישט באַגלייט!

ר׳האָט געטוישט דאָס וואַנדער-נאַכטן
און די אַלטע שטיפערייַ
אויף דעם דאָרף דעם צאַרט-פאַרטראַכטן
און די שטוב-שטילקייט געטריי!

*

דער דאָן

שטראַלנדיק אין פעלדער ברייטע,
שטרוימט ער פריי!... וואָס מאַכסטו, דאָן!
פון די זין די ווייט-צעזייטע
נעם מיין טרייען גרוס איצט אָן...

ווי אַ ברודער, רום-געוואַקסן,
קען אַ יעדער טייך דעם דאָן;
פון דעם פרת און פון אַראַקסן
נעם מיין טרייען גרוס איצט אָן.

פון געיעג מיד אומגעהייער,
פילנדיק די היימאַטס-ערד,
פרישע כוואַליעס אַרפּאַטשייער
טרינקען שוין די דאָנער פערד.

גרייט-זשע אָן, מיין דאָן מיין טרייער
פאַר די רייטער בראַוו און פריי
זאַכט צעשוימטן, פול מיט פייער,
פון די וויינגערטנער געטריי!

•

דעליבאַש

הינטער בערגער — שאָסן קנאַקן;
ביידע לאַגערס פול מיט רעש;
אויפן באַרג פאַר די קאָזאַקן
פאָרט דער רויטער דעליבאַש.

דעליבאַש, נישט קריך אין לאַווע;
האָב רחמנות אויף דיין גליק;
באַלד אַ סוף — צו קונצן בראַווע,
פאַלסט ארויפעט אויפן שטיק.

קאָזאַק, העי, זאָלסט זיך נישט וואַרפן!
פון די שולטער האַקט דיר אָפּ
מיט זיין קרומען שווערד און שאַרפן
דעליבאַש דיין בראַוון קאָפּ.

מ׳יאָגט, מען שרייט אין שטויבן דיקע...
קוקט נור אָנעט דעם גאַלאָפּ!...
דעליבאַש איז אויף דער פּיקע,
און דער קאָזאַק אָן אַ קאָפּ.

*

„דו" און „איר"

דאָס פּוסטע „איר" מיט האַרצ'קן „דו"
האָט, על־פּי־טעות, זי פֿאַרביטן, —
דערוועקט אין זעל פֿאַרליבטערס רו
פֿון טרוימען גליקלעכע די בליטן.

איך שטיי פֿאַר איר פֿאַרחלומט־טריב;
איך קוק אויף איר פֿאַרגאַפֿט, פֿאַרוווּנדערט;
און כ'זאָג: ווי ליב א י ר זענט אַצונדערט!
און כ'קלער: ווי הייס איך האָב ד י ך ליב!

•

דאָס עכאָ

ווען ס׳ברומט די חיה אין דעם וואַלד,
דער האָרן הילכט, דער דונער קנאַלט,
אַ מיידל-ליד ביי בערגער שאַלט, —
אויף יעדן קלאַנג
אין פוסטער לופט געבוירסטו באַלד
אַ ווידערקלאַנג.

דו הערסט זיך צו צום דונער-קלאַנג,
צום שטורעם-קול, צום ים-געדראַנג,
צום רוף פון פאַסטוכערס געזאַנג, —
(— — — — — — — — — — — — —)
דאָך דו באַקומסט קיין ווידערקלאַנג...
ווי דו, פּאָעט!

•

כ'האַלט דאָ אינעזיליע...

Inesilla! Jam here.
Barry Cornwall.

כ'האַלט דאָ, אינעזיליע,
ביים פענסטער די וואַכט.
פאַרהילט איז סעווילליע
אין שלאָף און אין נאַכט!

דער פלאַשץ רוט אויף מיר,
מיט שווערד און גיטאַרע
דאָ שטיי איך פאַר דיר!

דו שלאָפסט? — כ'וועל דיך לאָקן
מיט לידער! און ווערט
ערוואַכט נור דיין זקן —
באַלד טויט אים מיין שווערד!

ביים פענסטער הענג שטיל דאָ
די זיידענע שטריק...
וואָס צעגערסטו? וויל דאָ
ווער רויבן מיין גליק?

איך האַלט, אינעזיליע,
ביים פענסטער די וואַכט!

פאַרהילט איז סעווילע
אין שלאָף און אין נאַכט!

פאַרשווערונג

אָ, אויב ס'איז אמת, אַז ביינאַכט,
בשעת די לעבעדיקע שלאָפן
און לבנה־שטראַלן שלייכן זאַכט
אויף די מצבות; אויב נור אָפן,
באמת, ווערן פוסט און לער
די קברים נאַכטיקע און שטילע, —
רוף איך דעם שאָטן פון לעצילע:
צו מיר, מיין פריינט, אַהער, אַהער!

געליבטער שאָטן, אָ, ערשיין,
אַזאַ ווי דאַן, פאַרן צעשיידן,
אי בלאַס, אי קאַלט ווי ווינטער־שיין,
צוקרימט אין קראַמף פון לעצטע ליידן.
קום, ווי אַ שטערן, לויט באַגער,
ווי לייכטער ווינט, ווי אָפקלאַנג מילדער, —
צי ווי אַ גייסט, אַ שרעקלעך־ווילדער, —
מיר איז אַלצאיינס: אַהער, אַהער!

איך רוף דיך, ליבסטע, נישט כּדי
צו מוסרן אַצינדערט יענעם,
ווער ס'האָט מיין פריינט געטויט, און — וויי —
איך נישט דערגיין דעם סוד פון גיהנם;

ניִשט ווײַל דער ספק פּײַניקט שווער
מיך אָפּט... נור, פֿול מיט בענקשאַפֿט טריבע,
ווײַל איך דיר זאָגן פֿון מײַן ליבע,
כ'בין דײַנער נאָך. אַהער! אַהער!

⁂

דער טאַליסמאַן

וווּ די כוואַליעס שפּריצן, פּליסן
אויף די פעלזן וויסט און קאַלט,
ווּ אין אָוונט-טונקל זיסן
די לבנה וואַרמער שטראַלט,
ווּ אין האַרעם, פול גענוסן,
זאָרגלאָז לעבט דער מוזעלמאַן;
האָט אַ צויבערין, אין קוסן,
מיר געשענקט אַ טאַליסמאַן. —

האָט געזאָגט מיר: „פון סכנה
היט מיין טרייען טאַליסמאַן. —
ס'איז פון ליבע אַ מתנה,
ס'איז אַ כשוף דאָ פאַראַן.
קומט די קרענק, דער טויט, אַ פייער,
אַ געוויטער, שטורעם — דאַן
אָ, נישט ראַטעווען, מיין טרייער,
וועט דיין קאָפּ דער טאַליסמאַן;

ר'וועט נישט שענקען מער און מערער
מזרח-אוצרות אָן אַ שיער,
פון מחמדן די פאַרערער
נישט באַזיגן וועט ער דיר;

ביינקסטו נאָך אַ חברס אָרעם,
פון די פרעמדע לענדער דאַן
גלייך אין צפון פון דעם דרום
טראָגט דיך נישט מיין טאַליסמאַן...

דאָך ווען אויגן — דורך אַ סבה —
פאַנגען דיך מיט צביעות־פּראַכט,
צי ווען ליפּן גאָר אָן ליבע
וועלן קושן דיך ביינאַכט:
פון פאַרברעכערישע טאַטן,
און פון האַרצנס ווונדן דאַן
פון פאַרגעסן און פאַרראַטן
דיך באַשיצט מיין טאַליסמאַן.

דער מלאָך

א מלאָך צאַרט, דעם קאָפּ געבויגן,
האָט ביים גן־עדן־טיר געשטראַלט;
איבער דעם גיהנום־תהום געפלויגן
איז דאַן דער דעמאָן פינסטער־קאַלט.

דער גייסט פון ספקות און פארניינען
געקוקט האָט אויפן מלאָך ווילד, —
און האָט דעם אומשולד־פלאַם דעם ריינעם
צום ערשטן מאָל אין האַרץ דערפילט.

„פאַרציי, איך זע דיין בילד דיין בלאַסן,
ס'לויכט נישט בחנם מיר דיין פראַכט:
נישט אַלץ פלעג איך אין וועלט פאַרהאַסן,
נישט אַלץ האָב איך אין וועלט פאַראַכט!"

די נאַכטיגאַל

אין שטילן פרילינגס-סאָד, אין טונקלקייט פון נאַכט,
זינגט אויף דער מזרח-רויז די נאַכטיגאַל פאַרטראַכט,
דאָך פילט נישט, הערט נישט דעם געזאַנג דאָס ליבע בלימל,
אוןביים פאַרליבטן הימן וויגט זי זיך אין דרימל.

אַזוי זינגסטו דיין ליד, פאַר איר דער קאַלטער פראַכט, —
וואָס ווילסטו דאָ דערגרייכן, דיכטער, אָ, באַטראַכט?
זי הערט נישט, פילט נישט גאָר, ווי ס׳וואָלט איר דאָ פאַר־
בלענדט ווער;
דו קוקסט אויף איר — זי בליט, דו רופסט — נישטאָ קיין ענטפער.

•

דאָס באַכוס־ליד

וואָס שווייגט דען פון שמחה דער קול?
שאַלט, באַכוס־געזאַנגען, אין פריידן!
עס לעבן די צערטלעכע מיידן
און ווייבער, וואָס האָבן געליבט אונז צומאָל!
גיסט פולער די כוסות ביים זינגען!
אויפן הילכיקן גרונד
אין וויין וואַרפט אַצונד
די ליבע, די טייערע רינגען!
די כוסות הויבט־אויף, איינס צום צווייטן דערנעבן!
עס לעבן די מוזעס, דער שכל זאָל לעבן!
דו, זון, אָ דו הייליקע, גליי!
ווי בלייך אָט דאָס לעמפּעלע פינקעלט
ביים זון־אויפגאַנג העל אין דער פרי, —
אַזוי ווערט די חכמה די פאַלשע פאַרטונקלט
אין אייביקן שכל פון פראַכט.
זאָל לעבן די זון, און זאָל שווינדן די נאַכט!

דאָרידע

ס׳געפעלן מיר דאָרידעס לאָקן גאָלדנשיינע,
איר בלאַס געזיכט און אירע בלויע אויגן ריינע,
דעם פעסט האָב איך פאַרלאָזן נעכטן אין דער נאַכט,
געטרונקען אין איר אָרעם צאַרטע ליבע-פראַכט;
עס האָבן זיך געטוישט באַגייסטערונגען שנעלע,
געלעשט זיך און צעפלאַמט האָבן פאַרלאַנגען העלע...
כ׳פלעג שיער צוגיין; דאָך אין דעם טונקל ווען-נישט-ווען
פלעג איך גאָר אַנדרע ליבע שטריכן דאַמאָלס זען,
איך בין געוועזן פול מיט סודותדיקן טרויער,
און פרעמדן נאָמען אַלץ געמורמלט אין באַדויער.

דער וואָגן פֿון לעבן

כאָטש ס׳איז צומאָל גאַנץ שווער זיין משא,
דאָך לויפֿט דער וואָגן לייכט אין וועגן
די גראָע צייט, דער בעל-עגלה,
גייט פֿון דער קעלנע נישט אַוועק.

מיר טרייבן אָנעט מיט דעם פֿורמאַן
בשעת מיר זעצן זיך, פֿאַרטאָגן
פֿאַראַכטנדיק די איידלע פֿוילקייט,
מיר שרייען: שמייס, און שנעלער יאָג!

בייטאָג שוין פֿעלט דער מוט דער אַלטער, —
ס׳צעטרייסלט שטאַרק אונז, און דערפֿאַר
אונז שרעקט אַ יעדער באַרג און גראָבן...
מיר שרייען: שטילער פֿאָר, דו נאַר!

ווי פֿריער קייקלט זיך דער וואָגן.
מיר ווערן צוגעוויינט פֿאַרנאַכט,
ביז צום דעם נאַכטלעגער מיר דרימלען,
און ס׳טרייבט די צייט מיט בייזער מאַכט.

דער פֿאַרברענטער בריוו

אַדיע, מיין ליבע-בריוו, אַדיע! זי האָט באַפֿוילן...
כ'האָב לאַנג געצעגערט, נישט געוואָלט די האַנט אויף קוילן
מיין אַלדאָס פֿרייד פֿארברענען, וואָס פֿלעגט רעגן טיף!...
גענוג, עס קומט די שעה: אָ, ברען, דו ליבעס-בריוו!

איך בין שוין גרייט; און טויב אַצונדערט איז מיין זעלע.
דעם בויגן שלינגען-איין די פֿלאַמען דורשטיק-שנעלע.
אַ רגע!... פֿלאַמען-אויף... זיי ברענען... לייכטער רויך
דרייט, און פֿאַרלירט מיט מיין געבעט זיך ווי א הויך.

דער טרייער זיגל-רינג פֿאַרלירט שוין באַלד זיין צייכן,
כ'הער קאָכן, שמעלצן זיך דעם טריפֿוואַקס שוין, דעם ווייכן...
אָ, גאָט! עס איז געשען! ס'דרייט-אויף זיך דאס פֿאַפּיר;
אויף לייכטן אַש די טייערע ברעקלעך אָן אַ שיר.

קוים בלייכן... ס'פּרעסט-זיך-אויף מיין ברוסט... אָ, אַש, דו ליבער,
מיין אָרמע טרייסט אין שווערער מזל-נאַכט, אין טריבער,
פֿאַרבלייב אויף אייביק אויף מיין טרויער-ברוסט מיט מיר...

*

דער שטורעם

אויפן פעלז אַ יונגפרוי שטייט פאַרטראַכט,
איבער דעם ים, אין ווייסע קליידער,
עס ברויזט דער ים אין שטורעם־נאַכט,
און שפּילט זיך מיט דעם ברעג כּסדר.

ס׳באַלויכט איר אָפּט דער בליץ געשווינד
מיט ליכטיק־רויטן אָפּשיין זיינעם,
און ס׳קלאַפּט זיך ראַש און ספּליט דער ווינט
מיט איר געוואַנד דעם לופטיק־פיינעם.

ס׳איז שיין דער ים אין שטורעם־נאַכט,
דער כמאַרנער רוים, דער בליץ דער גיכער;
דאָך שענער איז דער יונגפרויס פּראַכט
פון כוואַליעס, הימל און פון וויכער.

*

נישט זינג

נישט זינג, אָ, שיינעס קינד, מיר באַנג
קיין טרויעריקע גרוזיען-לידער:
אַן אַנדער וועלט דערמאָנט דער קלאַנג,
און ווייטע ברעגן זע איך ווידער.

דיין אכזר-זינגען שאַפט מיר פּיין,
דאָס לאַנד דאָס ווייטע — נישט דערמאָן אים!
אַ סטעפּ, אַ נאַכט, לבנה-שיין,
אַ ווייטער בלאַסער מיידל-פּנים!...

אַך, איך פאַרגעס ביי דיין געשטאַלט
פון ליבן גייסט די ווייטע גלידער;
דאָך הייבסטו זינגען אָן — און באַלד
זיי אין זכרון זע איך ווידער.

נישט זינג, אָ שיינעס קינד, מיר באַנג
קיין טרויעריקע גרוזיען-לידער:
אַן אַנדער וועלט דערמאָנט דער קלאַנג,
און ווייטע ברעגן זע איך ווידער.

*

די בלום

אַ דופטלאָזע, פאַרוועלקטע, שטאַרע,
פאַרגעסען ליגט אין בוך אַ בלום;
און מאָדנע טרוימען ווונדערבאַרע
מיין זעלע נעמען באַלד אַרום:

ווען האָט געבליט? אין וועלכע לענדער?
צי לאַנג? פון וועם איז זי געפליקט?
פון אַ באַקאַנטער האַנט, פון פרעמדער?
צוואָס אין בוך זי איינזאַם ליגט?

צום אָנדענקען פון צאַרטער ליבע,
צי פון צעשיידונגס-פיין, וואָס קוועלט;
צי פון שפּאַציר-גענג איינזאַם-טריבע
אין וואַלד-שאָטן, אין שטילן פעלד?

לעבט יענער נאָך, לעבט יענע צאַרטע?
ווו האַלדזן זיי זיך איצט אַרום?
צי זיינען זיי פאַרוועלקט, פאַרדאַרטע,
אָט ווי די אומבאַקאַנטע בלום?

*

קאַווקאַז

קאַווקאַז ליגט צו פוסנס מיר. כ׳שטיי ווי אין טרוים
ביים ראַנד פון דעם שפּיץ, הויך איבער די שנייען:
ס׳דערהויבט זיך אַן אָדלער ווייט-ווייט, און נעמט דרייען
אויף איין הויך מיט מיר גאַנץ באַוועגלאָז אין רוים.
דאָ זע איך ווי ס׳ווערן געבוירן די קוואַלן,
און ערשטע באַוועגונג פון פעלזיקע וואַלן.

באַרוט אונטער מיר גייען וואָלקנס; אין קאָך
ראַש פאַלן דורך זיי וואַסערפאַלן און ברומען;
און אונטן די פעלזן די נאַקעטע שטומען;
דאָרט טיף — קוסטעס טרוקענע, מאָגערער מאָך;
און ווייטער — שוין וועלדלעך, און גרינע געצעלטן,
דאָרט טרעפט מען שוין פויגל און הירשן נישט זעלטן

דאָרט — ציען זיך מענטשלעכע נעסטן אַוועק,
און ס׳קריכן דורך תבואות די שעפסן שוין מונטער,
דער פאַסטוך צום פריילעכן טאָל גייט אַרונטער,
ווו ס׳טראָגט זיך אַראַגווע אין שאָטנס פון ברעג
און אָפּטמאָל באַהאַלט זיך אַן אָרעמער רייטער,
ווו ס׳הוליעט דער טערעק דער ווילדער, פאַרשייטער;

ער וואָיעט און שפּילט, ווי אַ חיה צערעגט,

וואָס קוקט אויף איר רויב פון דעם שטייג פון דעם וויסטן,
און קלאַפּט זיך אָן ברעג מיט אַ האַס אַן אומזיסטן,
מיט הונגריקע כוואַליעס די פעלזן באַלעקט...
אומזיסט! נישט קיין רויב, נישט קיין טרייסט פאַר די בליקן:
נור... שווייגנדע פעלזן אים פרעסן און דריקן.

צוליב דיין היים

צוליב דיין ווייטער היים און ליבער
האָסט דו פאַרלאָזט דעם פרעמדן לאַנד;
כ'האָב אין דער טרויער-שעה דער טריבער
פאַר דיר געיאָמערט נאָכאַנאַנד.
מיין קאַלטע האַנט וויל דיך אין ליידן
פאַרהאַלטן; ס'בעט זיך שטיל מיין טרער —
עס זאָל דער שרעקלעך פיין פון שיידן
זיך ציען, דויערן וואָס מער.

פון קוש פון ביטערן און ליבן
רייסט-אָפּ די ליפּן אויף-דער-גיך;
דו האָסט פון גלות-לאַנד פון טריבן
אין וויטן לאַנד גערופן מיך.
„ביים ווידערזען, מיט פרישע קרעפטן,
ווו ס'איז דער הימל בלוי און פריי,
ביי פּאַלמען וועלן מיר באַהעפטן
די ליבע-קושן אויף דאָסניי!"

נור דאָרטן, וויי, ווו ס'לויכטן הימלען,
און ציען בלוי זיך, אָן אַ סוף,
ווו אונטער פעלזן כוואַליעס דרימלען,
דאָרט שלאָפסטו שוין אין לעצטן שלאָף.

פֿאַרשוווּנדן לאַנג דיין פּראַכט און ווונדן
אין טיפֿן קבֿר, און — אָ וויי —
ס'איז אויך דער ליבע-קוש פֿאַרשוווּנדן...
נאָר כ'וואַרט אויף אים: איצט איז דיין ריי!...

•

דער פעלזן־וואַל

מיט רעש בײַ פעלזן פינסטער־קאַלט
דער וואַל דער שוימיקער צעפּאַלט,
און ס'שרײַען אָדלערס מיט אַ גוואַלט
בײַם וועלדער־ברום;
דורך נעבל קוקן ווײַס־צעשטראַלט
די בערג אַרום.

אַט רײַסט זיך אָפּ אַ פעלזן־וואַל,
און פאַלט אַראָפּ מיט שווערן קנאַל,
די בערגער־שפּאַלטן מיט זײַן פאַל
פאַרצוימט ער ראַש,
דעם מעכטיק־פרײַען טערעק־וואַל
שטעלט־אָפּ אין רעש

און פּלוצלונג — מיד, מיט רו דערפילט,
דער טערעק ווערט דערווײַל געשטילט;
באַלד צאָרנט ער אויפסנײַ און ברילט,
ברעכט־דורך אַ וועג,
און ער פאַרפלײַצט משוגע־ווילד
זײַן אייגן ברעג.

און לאַנג דאָרט רוט דער פעלזן־צוים

פאַרפרוירן-קאַלט איבער דעם תהום,
ס׳לויפט אונטער אים דער בייזער שטרוים,
אין שטויבלעכווייז
באַטויט מיט רוישנדיקן שוים
די סטעליע אייז.

ס׳איז דאָרט אַ וועג געמאַכט אַמאָל —
דאָרט, יאָגט אַ פערד, אַן אָקס מיט עול,
עס פירט אַ סוחר דאָרט צו מאָל
זיין קרעמל צינד,
וו ס׳טראָגט-זיך אומעט נור עאָל,
דער גאָט פון ווינט.

א מעשהלע וועגן זיבן גבורים
און א טויטער בת־מלכּה

ס׳האָט דער מלך זיך צעזעגנט,
זיך געלאָזט אין ווייטער געגנט,
און די מלכה, שיין און צאַרט,
זיצט ביים פענסטער אַלץ און וואַרט.
וואַרט און וואַרט פון פרי ביז מאָרגן,
קוקט אין פעלד אריין פול זאָרגן,
קוקט דורך ס׳פענסטער אויפן שניי,
ביז די אויגן טוען וויי.
זיצט און וואַרט אַלץ אין יסורים,
און זי זעט נאָר: ס׳דרייט דער שטורעם,
ס׳פאַלט דער שניי און פאַלט און פאַלט,
און די ערד איז ווייס צעשטראַלט.
ניין חדשים שנעל פאַרגייען,
און זי וואַרט נאָך אַלץ אין ווייען,
און ס׳האָט גאָט אין ווינטער-נאַכט
איר אַ טעכטערל געבראַכט.
ס׳קומט אויף מאָרגן דער געגאַרטער
ליבער גאַסט, דער לאַנג ערוואַרטער
פון דעם ווייטן, ווייטן קאַנט
קומט ער אָנעט אין זיין לאַנד.
האָט די קיניגין דערזען אים,
און אין אויגנבליק אין יענעם

איז זי, שוואַך און קראַנקערהייט,
באַלד געשטאָרבן פאַר גרויס פרייד

ס'קאָן דעם מלך טרייסטן קיינער;
דאָך איז זינדיק יעדער איינער:
ס'גייט דער יאָר אַוועקעט טריי,
האָט ער חתונה אויפסניי.
ס'איז דאָס נייע יונגע ווייבל
שיין און צערטלעך ווי אַ טייבל,
הויך און ווייס און בויגיק־שלאַנק,
פול מיט שכל און געדאַנק;
נאָר ס'איז פול מיט שטאָלץ געוועזן
און מיט אייפערזוכט איר וועזן.
און באַקומען האָט זי דאַן
אַ קליין שפיגל אין נדן;
שווער דעם סוד געוועזן באַשיידן:
ס'האָט געקאָנט דער שפיגל ריידן.
און געוועזן מיט אים אַליין
איז זי גוטמוטיק און שיין;
פלעגט זיך וויצלען, פול מיט פריידן,
און אזוי צום שפיגל ריידן:
„שפיגל, שפיגעלע, פאַרטרוי
מיר דעם אמת גאַנץ גענוי —
איז פאַראַן חוץ מיר נאָך איינע
אזא ווייסע, אזא שיינע?"
און דער שפיגל ענטפערט איר:
„יאָ, דער אמת איז ביי דיר;
ס'איז נישטאָ חוץ דיר נאָך איינע

אַזאַ ווייסע, אַזאַ שיינע!״
און די מלכּה טוט אַ לאַך,
מיט די פּלייצעס טוט אַ מאַך,
מיט די אויגן ווינקט צום טאַקט זי,
און מיט אירע פינגער קנאַקט זי,
און זי דרייט זיך אויס און איין,
קוקט אין שפּיגעלע אַריין.
נאָר די יאָרן טוען פליען:
די בת־מלכּה טוט זיך בליען,
אַלץ געוואַקסן יונג און שיין
און צעבליט זיך פול מיט חן;
ווייסער פּנים, שוואַרצע ברעמען,
און אַ צנועה — פלעגט זיך שעמען.
און פאַרליבט אין פּראַכט דעם קינדס
האָט אלישע זיך, דער פּרינץ.
ס׳קומט דער שדכן; ס׳פּרייט דעם פּאָטערן
אַ נדן פאַר איר שוין האָט ער:
הונדערט פערציק שלעסער ווו,
זיבן מסחר־שטעט דערצו.

אויף דעם קנס־מאָל האט געגרייט זיך
דאַן די מלכּה, אַלץ געקליידט זיך,
קוקט אין שפּיגעלע צומאָל,
און עס קלינגט איר ליבער קול:
„זאָג, פאַראַן נאָך ערגעץ איינע
אַזאַ ווייסע, אַזאַ שיינע?״
און דער שפּיגל ענטפערט איר:
„יאָ, דאָך מוז איך זאָגן דיר —

די בת-מלכּה, אונזער כּלה,
„זי איז פּרעכטיקער ווי אַלע".
טוט די מלכּה זיך אַ קאָך,
מיט איר הענטל טוט אַ פּאָך,
פּאַטשט דעם שפּיגל אָן אַ ביסל,
טוט אַ טופּע מיטן פּיסל!...
„אַך, דו חוצפּהדיקע גלאָז,
טוסט צולהכעיס מיר, צי וואָס?!
קאָן זי דען צו מיר זיך גלייכן?
גאָר מיין כּעס וועט זי נישט ווייכן!
הערסט, אַ נייע שיינהייט גאָר!
נישט אומזיסט דאך איז זי קלאָר:
ס'פּלעגט איר מאַמע, פּול מיט ווייען,
קוקן שטענדיק אויף די שנייען!
אָבער זאָג, איך פרעג בּיי דיר:
קאן זי שענער זיין פון מיר?
קאָן איר שיינקייט העלער גלאַנצן?
גיי אַדורך דעם לאַנד דעם גאַנצן —
קיינער גלייכט זיך נישט צו מיר".
און דער שפּיגל ענטפערט איר:
„אָבער דאך איז אונזער כּלה
קלאָרער פּרעכטיקער פון אַלע".
ס'העלפט קיין זאַך נישט. און זי נעמט
שנעל איר שפּיגל און פאַרקלעמט
הינטער באַנק פאַרוואַרפן פּרוווט זי,
און איר דינסט די טרייע רופט זי
איינס און צוויי — און אויפדער שטעל
גיט אַרויס זי אַ באַפעל:

די בת־מלכּה ווייט פאַרשיקן
אין אַ וואַלד און פעסט פאַרשטריקן;
ס׳וועט אין שנייען און אין אייז
זיין פאַר וועלף א גוטע שפּייז.

אַך, צי קאָן מען זיך דאָ קליגן,
מיט דער קיניגן זיך קריגן?
ס׳פּאָלגט דאָס דינסט־מיידל און באַלד
די בת־מלכּה שלעפּט אין וואַלד,
שלעפּט אַוועק אין ווייטסטע עקן.
די בת־מלכּה נעמט זיך שרעקן
און זי בעט זיך: „ליבעס קינד,
זאָג, אין וואָס באַשטייט מיין זינד?
כ׳בעט דיך, גוטע, זאָלסט מיך שוינען!
וועט מען מיך אַלס מלכּה קרוינען —
גיב איך דיר דאַן א געשאַנק״.
יענע, ליבנדיק זי לאַנג,
האָט געשענקט איר דאַן די פרייהייט,
און א זאָג געטאָן מיט טרייהייט:
„האָב קיין צער ניט, מעגסט זיך גיין!״
און אוועק א היים אליין.
פרעגט די מלכּה: „נישט פאַרגעסן
האָסט פאַרשיקן די פּרינצעסין?״
„דאָרטן שטייט זי אין דעם וואַלד״,
ענטפערט אָפּ דאָס מיידל באַלד:
„פעסט פאַרשטריקט, קיין האַנט קיין פרייע;
וועט איר אָנטרעפן א חיה,
וועט עס לינדערן איר פּיין —

ס׳וועט צו שטארבן גוינגער זיין".

און עס טוט א בשורה שאַלן:
די בת-מלכּה איז פאַרפאַלן!
ס׳בענקט דער מלך שטאַרק נאָך איר;
און אלישע, אָן אַ שיער
דאַוונענדיק פון כּלהס וועגן,
לאָזט זיך באַלד אין ווייטע וועגן,
לאָזט זיך אויפזוכן זיין קרוין —
זיין געליבטע, יונג און שיין.

נאָר פון איינזאַמקייט געפאַנגען,
איז זיין כּלה זיך געגאַנגען
אָן אַ ציל און אָן אַ מאָס —
ביז דערזען האָט זי אַ שלאָס.
בילן האָט אַ הונט גענומען,
נאָר געאיילט זיך באַלד אַנטשטומען;
אין דעם טויער גייט זי אום —
אויפן הויף איז שטיל און שטום.
ס׳לעקט דער הונט זי, נעמט זיך פרעסן,
און עס איילט זיך די פרינצעסין,
לויפט אַרויפעט צו דער טיר,
און זי טוט אַ קלאַפּ אין איר.
און די טיר פון שלאָס צעשפּאַלט זיך,
און אַ חדרל צעשטראַלט זיך,
און עס שטייען אין דער לענג
טעפּיך-אויסגעבעטע בענק,
און אַ טיש פון דעמב געשניצטער,

און אַן אויוון שיין געקריצטער.
זעט דאָס מיידל: פרום און גוט
לעבן מענטשן דאָ באַרוט;
גוט וועט זיין איר ביי די שכנים
נאָר דערווייל זעט מען קיינעם.
גייט זי דורך דאָס גאַנצע הויז,
קלייבט אַלץ צו און צירט אַלץ אויס.
ביי אַ ליכטעלע אַ העלער
הייצט זי אויס דעם אויוון שנעלער,
קריכט אַרויף מיט אַ געבעט
אויפן אויסגעבעטן בעט.

ס'קומט די מיטאָג-שעה אַלץ נענטער,
ס'הילכט אַ רעש אַן אומבאַקענטער:
זיבן יונגען שטאַרק און שיין
קומען אין דעם שלאָס צוגיין.
זאָגט דער עלטסטער: „ס'אַר אַ שיינקייט!
ס'אַר אַ וואונדערלעכע ריינקייט!
ס'האָט ווער צוגעקליבן צאַרט,
און אויף אונז געוויס געוואַרט.
ווער זשע ביסטו? לאָז מען זען דיך,
קום, באַפריינט דיך און באַקען דיך:
אויב דו ביסט אַן אַלטער מאַן —
זיי פאַר אונז אַ פעטער דאַן;
ביסטו יונג און פול מיט פייער —
זיי אַ ברודער אַ געטרייער;
אויב אַ זקנה ביסטו — זיי
דאַן פאַר אונז אַ באָבע טריי;

אויב אַ מיידעלע אַ שיינע —
זיי אַ שוועסטער, ליבע כנה'

די בת-מלכה גייט אַרױס,
טוט אַ שאָקל מיטן קאָפּ,
גיט אַ נייג זיך מיט אַ שמייכל,
און זי בעט זיי — זיין איר מוחל
וואָס אַריין איז זי צו זיי
אומגעבעטן גאָר אַזוי.
פון איר שפּראַך האָט מען געלעזן —
ס'איז אַ קיניג-קינד געוועזן;
און זיי זעצן זי אין רו,
טראָגן איר אַ קוכן צו,
פילע כּוסות איבערפולטע
אויף די טאַצן די באַגילטע.
נאָר קיין בראָנפן נישט געוואָלט
האָט דאָס מיידעלע, דאָס גאָלד.
ברעכט זי אָפּעט נאָר דעם קוכן,
נעמט אַ שטיקעלע פאַרזוכן,
און ערלויבעניש זי בעט
זיך אַוועקלייגן אין בעט.
און זיי פירן זי אין קליידער
גלייך אַריין אין העלן חדר,
און זיי לאָזן זי אַליין,
ביז עס קומט דער שלאָף צוגיין.

טעג נאָך טעג געשווינד פאַרשוועבן,
די בת-מלכה בלייבט אַלץ לעבן
אויף איר אַלטן ליבן אָרט

בײַ גבורים זיבן דאָרט.
מיט דעם ערשטן מאָרגן-פֿײַער
אין אַ מחנה אַ געטרײַער
מאַכן ברידער אַ שפּאַציר,
שיסן ענטלעך אָן אַ שיער.
ס׳בלײַבט דערווײַלע פֿרום און שײַן
בעל-הביתטעטשקע אַלײן.
נעמט אַלץ צוקלײַבן, באַנײַען,
פֿירט מיט זײ קײן קריגערײַען,
און זײ פֿאָלגן איר אָן ברעג.
אַזוי שווינדן טעג נאָך טעג.
האָבן זײ זי ליב געקראָגן.

אין דערפֿרי, בײַם רעכטן טאָגן,
זײַנען זײ אַמאָל אַרײַן
אין איר חדר מײדלש-פֿײַן;
זאָגט דער עלטסטער ריז דער גרעסטער:
„ווײסט אַלײן — ביסט אונדז אַ שוועסטער,
זיבן זײַנען מיר; און דיך
ליבן אַלע מיר; צו זיך
וואָלט דיך יעדער וועלן נעמען,
און אָט דאָס טוט טאַקע קלעמען;
מאַך אַ סוף צום קריגערײַ:
אײנעם זײ אַ ווײַב געטרײַ!
און די אַנדרע וואָלט געבליבן
ווי אַ שוועסטער טרײַ דיך ליבן.
וואָס, דו שאָקלסט מיטן קאָפּ?
זאָגסט דען, טײַערע, אונדז אָפּ?״

— „אוי, איר גוטע יונגען פיינע,
„אוי, איר טרייע ברידער מיינע",
זאָגט דאָס מיידל אויס איר סוד:
„אויב איך לייג אַצינד, זאָל גאָט
באַלד מיך טויטן דאָ פאַר אַלע...
וואָס זשע טו איך? — כ׳בין אַ כּלה.
איר פאַר מיר זייט אַלע גלייך,
אַלע בראַוו און קלוג און רייך,
און איך מוז אייך אַלע ליבן;
אָבער טריי בין איך געבליבן:
פּרינץ אלישע מיר געפעלט
מער פון אַלע אין דער וועלט".

שטיין די ברידער אָן באוועגן,
קראַצן זיך דעם קאָפּ פארלעגן.
„פרעגן איז דאָך נישט קיין זינד",
זאָגט דער עלטסטער — „מער, מיין קינד,
רייד איך גישט פון דעם, איך שפּאַס נישט!"
— „ניין, ס׳איז גאָרנישט... כ׳פיל קיין כּעס נישט",
ענטפערט יענע מיט געדולד —
„און דער אָפּזאָג איז קיין שולד".
און די זיבן יונגען אלע
זיך צעשיידן מיט דער כּלה,
קערן אום צו זיך אויפסניי
און זיי לעבן ווידער טריי.

און דערווייליע נישט פארגעסן
האָט די מלכּה די פּרינצעסין,
נישט געקאָנט איר מוחל זיין;

פלעגט אין שפּיגעלע אריין
קוקן, כּעסן זיך און בלאָזן,
און צום סוף מיט אים געלאָזן
זיך אין צימער, און פּאַר אים,
באַלד פאַרגעסנדיק איר גרים,
האָט גענומען חנדלען מאַכן,
אָנגעהויבן שמייכלען, לאַכן:
„שפּיגל, שפּיגעלע! פאַרטרוי
מיר דעם אמת גאַנץ גענוי:
ווער, חוץ מיר, איז אַזאַ שיינע,
אַזאַ ראָזינקע און ריינע?"
און דער שפּיגל ענטפערט איר:
„יאָ, דאָך מוז איך זאָגן דיר,
אַז עס לעבט ביי ביימער גרינע
אין אַ ווייטער וואַלד-מדינה
ביי גבורים זיבן ווו
די, וואָס שענער איז ווי דו"...
ס'איז די מלכּה אָנגעפאַלן
אויף דער דינסט: „דו ביסט אַ בעלן
מיך געניאַרן? און אין וואָס?"...
זאָגט די דינסט אויס מיט פאַרדראָס
אַלעס. ס'הערט נישט אויף צו זידן
אַלץ די מלכּה, וויל זי שמידן:
„הרגע די פּרינצעסין שיין,
אָדער — טויט וועסט זיין אַליין!"

ס'איז געשען, אַז די פּרינצעסין
אין דערוואַרטונג איז געזעסן

און ביים פענסטערל געשפּינט;
פּלוצלינג הערט זי — ס׳בילן הינט
לעבן גאַניק; קוקט די קליינע:
ס׳גייט אַ בעטלערן אַ זקנה,
מיט אַ שטעקן פּאָך און פּאָך!
יאָגט דעם הונט, וואָס לויפט איר נאָך.
„וואַרט נאָר אויפּעט, ליבע זקנה״,
שרייט דורך ס׳פענסטערל די שיינע:
„כ׳טרייב אליין דעם הונט באַלד אָפּ
און איך ברענג דיר וואָס אַראָפּ״.
ענטפערט אָפּעט איר די זקנה:
„אך, דו מיידעלע דו קליינע!
ווי דער הונט אויף מיר זיך רייסט,
שיער אויף טויט מיך נישט צעבייסט.
זע נאָר, זע נאָר, ווי ער פלייסט זיך!
קום אַרויס!״ — און יענע ווייזט זיך
ביי דעם גאַניק, ברויט נעמט מיט,
וויל זי מאַכן אַ פּאָר טריט, —
לויפט דער הונט, צופוסנס פאַלט ער,
בילט און לאָזט נישט צו דער אַלטער;
נעמט די זקנה צוגיין — באַלד
ווי אַ חיה פון אַ וואלד
פאַלט ער אָן. „וואָס האָט געטראָפן?
ער האָט שלעכט, געוויס, געשלאָפן״
די בת־מלכה איר פּאַרטרויט.
„נאַ־זשע, כאַפּ!״ און ס׳פליט דאָס ברויט.
ס׳האָט געכאַפּט דאָס ברויט די זקנה,
און געזאָגט: „איך דאַנק דיר, שיינע!

„זאָל דיך בענטשן גאָט, מיין קינד!
נאַ דערפאַר! נאָר כאַפּ געשווינד"
און אַן עפּעלע אַ רייפער,
יונגער, גאָלדענער און שטייפער
טוט זיך שטיל אין לופט אַ גליטש...
טוט דער הונט אַ שפרונג, א קוויטש...
„עס אים אויף געזונטערהייט!
און א דאנק דיר פאַרן ברויט!"
די פּרינצעסין גייט צום טיר,
און דער הונט – ער לויפט נאָך איר,
קוקט אין פּנים איר, טוט קלאָגן,
ווי דאָס הינטיש האַרץ וואָלט נאָגן,
ס'דאַכט – דער הונט איר זאָגן וויל:
„וואַרף אַוועק!"... זי גלעט אים שטיל
מיט איר הענטל מיט איר צאַרטער:
„זאָג וואס איז דיר, מיין געגאַרטער?"
גייט אין חדר און פאַרמאַכט
באַלד דאָס טירעלע באַזאַכט.
ביי דעם פענסטער זעצט זיך וואַרטן,
און זי קוקט אַלץ אויף דעם צאַרטן
ליבן עפּל, פריש באַגילט
און מיט זאַפטן איבערפילט;
פול מיט פרישקייט און מיט דופטן,
לויכט זיך גאָלדיק אין דער לופטן,
ווי מיט מעד פול וואָלט ער זיין, –
מ'זעט די יאָדרעס דורכן שיין.
קאָן ביז מיטאג זי נישט וואַרטן,
ס'ציט צום עפּעלע צום צאַרטן;

נעמט זי באַלד אים אין די הענט,
צו די ליפּעלעך דערנענט,
און זי שלינגט אַראָפּ אַ ביסן
פון דעם עפּל פון דעם זיסן...
פּלוצלינג טוט מיין שאָך, מיין פּראַכט,
זיך אַ וואַקל גאָר אָן מאַכט,
לאָזט אַראָפּ די הענט די טויטע,
לאָזט אַרויס די פרוכט די רויטע,
ס׳שליסן זיך די אויגן צו,
און זי פאַלט אין שטומער רו
אויף דער לאַנגער באַנק אַנידער
מיט פאַרגליווערט-טויטע גלידער.

און אַהיים אין יענער צייט
האבן פריילעך אין פאַרשייט
זיך געקערט פון פעלדער ווידער
די גבורים, זיבן ברידער,
פון אַ בראַוון גרויסן מאָרד:
טוט אַ ריס זיך שנעל פון אָרט
זייער הונט און הייבט אָן ברומען,
וואָיעט, בילט און וויל נישט שטומען,
לויפט און לויפט און אין געלויף
ווייזט ער זיי דעם וועג צום הויף.
זאָגן ברידער מיט באַדויער:
„ס׳מוז דערוואַרטן אונז אַ טרויער!"
קומען זיי אין שלאָס פאַרטאָן,
און דער בייזער הונט פאַלט אָן
אויפן עפּל, נעמט זיך פּעסן,

נעמט דעם עפּל שלינגען, בייסן,
ביז ער פּגרט. מן הסתּם
איז ער פול געווען מיט סם.
ביי פּרינצעסינס טויטע גלידער
שטייען טרויעריק די ברידער,
הייבן זי פון באַנק אויף שטיל,
טוען תּפילה מיט געפיל,
און זיי האָבן שוין געהאַלטן
אין דער ערד זי צו באַהאַלטן;
דאָך חרטה באַלד געהאַט:
ווי אין שלאָף, פאַרטרוימט און מאַט
איז זי שטיל און פריש געווען,
נישט געלעבט האָט דאָך איר וועזן.
וואַרט מען אָפּ דריי טעג — איר שלאָף
איז אומענדלעך, אָן אַ סוף.
און איר רעכט די ברידער טוען,
און זיי לייגן זי צו רוען,
אין אַן אָרון פון קריסטאָל,
און זיי אַלע מיט אַמאָל
נעמען טראָגן אויף אַ פוסטן
ווייטן באַרג, אַן אומבאַוווסטן,
און דעם אָרון אין דער מיט
צו זעקס זיילן צוגעשמידט
פעסט מיט שטאָלענע מיט קייטן
און אַרומגעצאַמט מיט פלויטן;
און ביים מת פאַרקלעמט, פאַרצאָגט,
שטייט דער עלטסטער אויף און זאגט:
„שלאָף זשע רויק אין דיין אָרון!

צוליב עמעצ׳ס האָס פאַרלאָרן
האָט די וועלט דיין שיינעם גוף;
ס׳נעמט דיין גייסט דער הימל אויף;
דיך געליבט האָבן מיר אַלע,
ביסט געווען אַ טרייע כלה;
דאָך האָסט קיינעם נישט געהערט,
בלויז דער קאַלטער קבר-ערד״.

מיט אַ לויכטנדיקער צורה
אַליין דערוואַרט אַ גוטע בשורה
האָט די מלכה יענעם טאָג,
טוט צום שפּיגעלע אַ זאָג:
— „זאָג פאַראַן, חוץ מיר, נאָך איינע
אַזאַ שיינע, אַזאַ ריינע!״
און ס׳איז באַלד אַן ענטפער דאָ:
„יאָ, קיין ספק איז נישטאָ;
ס׳איז נישטא, חוץ דיר, נאָך איינע
אַזאַ שיינע, אַזאַ ריינע!״

נאָך זיין כלה פליט דערוויל
פּרינץ אַלישע ווי אַ פייל,
דורך דער וועלט דער גאַנצער יאָגט ער,
באַר אומזיסט! און ביטער קלאָגט ער,
פרעגט די וואַנדרער מיט געוויין —
ס׳קאָן אים קיינער נישט פאַרשטיין;
יענער לאַכט זיך הויך פאַנאַנדער,
דער — ציט ווייטער אין זיין וואַנדער;
זעט ער — ס׳טגאָרנישט זיין דערפון,

און ער ווענדט זיך צו דער זון:
„ליכט מיינס, זונעלע! אין גלאַנצן
גייסטו אום אַ יאָר אַ גאַנצן,
פאָרסט דעם ווינטער מיט דעם מאַי
זעסט אונז אַלע — קינדער טריי;
כ׳בעט דיך זאָלסט אַן ענטפער געבן —
האָסט געזען פיליכט אין לעבן
אַ בת-מלכה וווּנדערשיין?
כ׳בין איר חתן". — „אַך, מיין קרוין",
זאָגט די זון — „אין גאנצער געגנט
כ׳האָב זי ערגעץ ניט באַגעגנט.
מן הסתם — זי לעבט נישט מער;
ס׳איז מיר ענטפערן דיר שווער;
די לבנה פרעג — מיין שכנה,
אפשר זעט זי ווו דיין שיינע".

ס׳וואַרט אלישע אַלץ פאַרשמאַכט
אויף דער פינסטערניש פון נאַכט;
ווי אַרויס אין אָוונט שפּעטן
איז די לבנה, נעמט ער בעטן:
„אַך, לבנה, ליב און האָלד,
קליינער הערנדל פון גאָלד!
שטייגסט אין חושך ווי אַ וווּנדער
אַ צעשטראַלטער און אַ רונדער,
און מיט ליבע אָן אַ שיער
קוקן שטערנדלעך אויף דיר.
כ׳בעט דיך מיר אַן ענטפער געבן:
האָסטו ווו געזען אין לעבן

אַ בת-מלכּה ווונדערשיין?
כ׳בין איר חתן״. — „אַך, מיין קרוין״,
זאָגט לבנהשי, די ריינע,
„נישט געזען האָב איך דיין שיינע!
כ׳שטיי אין הימל אויף מיין וואַכט
נאָר בשעת עס קומט די נאַכט.
כ׳קאָן נישט אָפּגעבן קיין גריסן
פון דיין כּלה״. „ס׳טוט פאַרדריסן!״ —
ענטפערט אָפּ דער פּרינץ, און טריי,
זאָגט לבנהשי אויפסניי:
— „וואַרט נאָר, אפשר אין דעם עטער
ווייס דער ווינט. דיר העלפן וועט ער.
גיי זשע, גיי צו אים אצינד;
זיי נישט טרויעריק, מיין קינד!״
און די האָפנונג נישט פאַרלאָרן,
נעמט צום ווינט אלישע פאָרן.
— „ווינט דו, ווינט דו! דו ביסט שטאַרק
יאָגסט די וואָלקנס אויפן באַרג,
כוואליעסט אויף דעם ים דעם ברייטן,
ווייסט אין פעלד אין וויט-צעשפּרייטן,
פילסט פאַר קיינעם נישט קיין שרעק,
אויך פאַר גאָט, וואס זעט דיין וועג;
כ׳בעט דיך מיר אַן ענטפער געבן:
האָסטו ווען געזען אין לעבן
די בת-מלכּה ווונדערשיין?
כ׳בין איר חתן״. — „וואַרט מיין קרוין״,
זאגט דער ווינט, דער פרייער שטיפער, —
„הינטער יענעם טייכל, טיפער,

שטייט אַ באַרג אין הויכער פּראכט,
איז אין אים א הייל געמאכט,
דארט, אין יענער הייל פארלארן,
וויגט אויף קייטן זיך אַן אָרון,
פעסט צו זיילן זעקס געשמידט;
און קיין פוס-טריט זעט מען נישט,
ס'איז דער מקום וויסט פאר אלע;
דארט אין ארון ליגט דיין כלה".

ס'טוט דער ווינט אויפסנייַ א יאָג...
דער בן-מלך מיט אַ קלאָג
גייט צום בארג אוועק א טריבער,
אויף זיין כלה אויף זיין ליבער
נאָך אַ קוק טאָן כאָטש איינמאָל.
גייט און גייט; און פון אַ טאָל
שטייגט אַ באַרג אַן אומבאַוווסטער,
אין דער אָרט אַרום אַ פוסטער;
און אַ פייל איז אין דער מיט,
און ער ווענדט אַהין די טריט.
ס'וויגט זיך אום אין הימל פאַרלאָרן
אַ קרישטאָלענער אַן אָרון,
און אין אָרון איז פאַרמאַכט
די פרינצעסין מיט איר פראַכט.
און מיט גאנצער מאכט פון פלאָגן
ר'האט אָן ארון זיך צעשלאגן...
ווערט צעבראכן דער קרישטאָל,
און ס'לעבט אפּעט מיט אַמאָל
די בת-מלכה, גלויבט נישט ד'אויגן,

און אויף קייטן שטיל באַוויגן,
זאָגט זי זיפצנדיק און באַנג:
„ווי דער שלאָף געווען איז לאַנג!“
און זי שטייט שנעל אויף מיט פרייד...
„אַך!“... און ס׳וויינען גליקלעך ביידֹ...
פרעסט ער זי אין אָרעמס איין,
טראָגט פון פינסטערניש צום שיין,
און מיט שמחה מיט באַנייטער
אין זיין היים צוריק שוין רייט ער,
און אַ בשורה הילכט שוין פריי:
די בת־מלכה לעבט אויפסניי!

און גראָד דעמאָלט איז געזעסן
די שטיפמוטער פון פרינצעסין
פאַר איר שפיגעלע אַליין,
פרעגט דעם שפיגל אויף איר חן:
„איז פאַראַן, חוץ מיר, נאָך איינע,
אַזאַ שיינע, אַזאַ ריינע?“
זאָגט דאָס שפיגעלע דאָס קליין:
„אָן אַ ספק — דו ביסט שיין,
דאָך איז שענער נאָך פון אַלע
די בת־מלכה, אונזער כלה!“
טוט זי זיך אַ ריס מיט כעס,
ברעכט דאָס שפיגעלע אין האַס,
לויפט זי שנעל צום טיר פאַרלעגן —
קומט פרינצעסין איר אַנטקעגן...
כאַפּט זי אָן פאַרדראָס און שרעק —
און די מלכה שטאַרבט אוועק.

מ׳האָט געמאכט נאָך דער לויה
באַלד א חתונה א טרייץ;
און אלישע, אונזער העלד,
האָט א חופה דאַן געשטעלט.
ס׳איז זינט ס׳לעבט נאָר מענטש און וועזן,
אזא סעודה נישט געוועזן;
כ׳האָב דאָרט אויך געמאכט א טרונק,
בלויז די וואָנס געטאָן א טונק...

*

יעווגעני אניעגין

(ראָמאַן אין פערזן)

באמערקונגען פון דער רעדאַקציע־קאָמיסיע.

איבער דער איבערזעצונג פון „יעווגעני אָניעגין" האָט לייב ביידוס געאַרבעט אין לעצטן יאָר פון זיין לעבן און דער טויט האָט די אַרבעט איבערגעריסן אין מיטן.

דאָ האָבן מיר לערך אַ העלפט פונם ווערק. אַ חוץ דעם זענען ערטערווייז פּראָוויזאָריש אַדורכגעלאָזט געוואָרן דורכן איבערזעצער מאַנכע שורות, אָדער ווערטער, וועלכע ער האָט, נאַטירלעך, בדעה געהאַט ביים סוף פון דער אַרבעט צו פאַרענדיקן.

כמעט אַלע פעלנדיקע ערטער זענען באַצייכנט געוואָרן מיט געדאַנקען־שטריכן אין חצי־לבנות: [– – –].

די XIII־טע סטראָפע פון ערשטן פּרק און XL־טע סטראָפע פון צווייטן פּרק זענען אינגאַנצן אַדורכגעלאָזט דורכן איבערזעצער.

די סטראָפן XXXIX, XL, XLI פעלן אויך אין רוסישן אָריגינאַל.

פעלנדיקע ווערטער אָדער שורות זענען פאַראַן: –

אין צווייטן פּרק – אין די סטראָפן:

III (די לעצטע 2 שורות זענען בלויז פּראָיעקטירטע, פון „טשערנאָוויק"); XXXVI.

אין דריטן פּרק – אין די סטראָפן:

III; VI; XXVII; XXVIII; XXXI; XXXV; XXXIX (צום סוף פעלן 2 שורות).

אין פערטן פּרק – אין די סטראָפן:

III, IV (צום סוף פעלן צו 4 שורות), VIII, IX, XII, XVI, XVII, XVIII, XXIV, XXV, XXVI, XXIX, XXXV, XLIII.

אין דער נומעראַציע פון „יעווגעני אָניעגין" זענען אַריינגעפאַלן אייניקע טעותים, און ביים לייענען דאַרף מען זיך דעריבער רעכענען מיטן פאַקטישן סדר פון די סטראָפן.

ערשטער פרק

1

מײַן פֿעטער ערלעך היט געזעצן:
ווען ר׳איז געוואָרן קראַנק און מאַט —
האָט ער, צו גויטן זיך צו שעצן,
קיין אַנדער מיטל נישט געהאַט.
זײַן בײַשפּיל מאַנכע קאָן באַלערן!
נור גאָט! אין אומעט אין אַ שווערן
בײַם חולה זיצן טאָג און נאַכט,
קיין טריט פֿון בעטל נישט געמאַכט!
אָ, ס׳אַראַ נידעריקע צביעות —
צו זען פֿאַרטרײַבן אים די צײַט,
פֿאַרריכטן קישנס אים בײַם זײַט,
דערלאַנגען טרויעריק די רפֿואות,
און קלערן זיפֿצנדיק, בײַ זיך:
„ווען וועט דער רוח נעמען דיך?"...

II

אַ יונגער קונדס אַ פֿאַרקלערטער
פֿליט עס אַזוי אויף פּאָסט-פֿערט היינט?
ער איז דער יורש דער באַשערטער
פֿון אַלע זיינע נאָנטע פֿריינט.
פֿריינט פֿון ליודמילע אין רוסלאַנען!
אָט דעם ראָמאַנען-העלד פֿון דאַנען
אָן שום הקדמות, טאַקע גלייך,
דערלויבט מיר פֿאָרשטעלן פֿאַר אייך:
אָנעגין איז — מיין פֿריינט מיין פֿיינער —
געבוירן אויף דעם נעוואַס ברעג,
וווּ דו האָסט אויך די קינדער-טעג,
קאָן זיין, פֿאַרבראַכט, אָ לעזער מיינער!
כ'האָב דאָרט געהוליעט אָן אַ שיעור, —
נאָר ס'שאַדט די צפֿון-לופֿט פֿאַר מיר...

*

III

ס׳פלעגט צרלעך, ווייל זיין פאָטער לעבן
פון גמילות-חסדים אָן אַ ברעג:
פלעגט יעדן יאָר דריי בעלער געבן,
און האָט פארשווענדט זיין גאַנץ פאַרמעג.
עס פלעגט יצווגעניס מזל בליען:
ס׳פלעגט אַ „מאַדאַם" צו ערשט דערציען,
דערנאָך פלעגט אַ מאָנסיע דאָרט זיין.
דאָס קינד פארשייט, נור ליב און פיין.
מאָנסיע ל׳אַבבע — פראנצויזיש לערער —
כדי נישט איינמידן דאָס קינד,
פלעגט לערנען אַלץ אים לייכט און לינד,
אָן דער מאָראל דער שטרענגער, שווערער.
פלעגט אָפט אים אָנזידלען נישט-שטארק,
און פירן אים אין זומער-פאַרק.

*

IV

און האָט יעוואָגענין נור געטראָפן
די ראַשע יוגנט-צייט, וואָס נאָגט
מיט צאַרטן טרויער און מיט האָפן —
האָט מען „מאָנסיע” פון שטוב פאַריאָגט.
ָט איז אָנעגין פריי געוואָרן,
ויט לעצטער מאָדע פיין געשאָרן,
ווי דענדי לאָנדאָנער געקליידט, —
און האָט דערזען די וועלט דערפרייט
ר פלעגט פראַנצויזיש גאַנץ געלונגען
י שמועסן, אי שרייבן גרינג;
מאַזורקעס טאַנצן לייכט און פלינק,
און זיך באַגריסן אומגעצוווּנגען:
וואָס דאַרפט איר מער? עס איז גענוג,
די וועלט באַשליסט — ר'איז וויל און קלוג.

*

ז

מיר לערנען אַלע זיך – געפֿין איך –
צן, וואָס־עס איז און ווי־עס־איז;
דרום איז נישט־שווער אונז מיטן חינוך
זיך אויסצוצייכענען געוויס.
אָנעגין איז (האָבן באַשלאָסן
געוויסע שופֿטים שטרענג־אַנטשלאָסן)
אַ מושלם־יונג, נור אַ פּעדאַנט
און האָט אַ גליקלעכן טאַלאַנט –
אין אַ געשפּרעך אַ פֿרייען, גלאַטן
גאַנץ לייכט באַרירן אַלץ אַרום,
און ווי אַ מבין – שווייגן שטום
ביי שווערע, וויכטיקע דעבאַטן,
און נויטן שמייכלען אַ מאַדאם
מיט פֿלוצלונגדיקער עפּיגראַם.

*

VI

לאַטיין איז מער שוין נישט מאָדערן:
כ'מוז אויפריכטיק און ערלעך זיין —
אָן עפּיגראַף פאַרשטיין א שווערן
האָט ער גענוג געקענט לאַטיין;
פון יווועגאַל א שמועס פירן,
דעם בריוו מיט Wale פיין באַצירן,
און האָט געדענקט — כאָטש אָך און ווי —
פון ענעאידען פערזן צוויי.
ר'האָט נישט געוואָלט זיך גריבלען, שוויצן
אין כראָנאָלאָגיש אַלטן פּול,
וואָס ס'איז די וועלט-געשיכטע פול;
און נור פאַרצייטיק-אלטע וויצן
פון ראָמולן ביז אונזער דור,
געהיט אין קאָפּ האָט ער זיי קלאָר.

VII

ר׳האָט נישט געוווסט, ווי ווערטס אין ווייען
דאס לעבן צוליב קלאַנג פארשווענדט;
און האָט די יאַמבן פון כאָרייען
אַלץ אונטערשיידן נישט געקענט.
פלעגט זידלען האָמער, טעאָקריטן,
דערפאר געלייענט אַדאם סמיטן;
אַ טיפער עקאָנאָם געווען:
פלעגט קאָנען אורטיילן מיט ברען
פון דער מלוכה, איר עשירות,
מיט וואס זי לעבט, און ווי זי צאָלט,
פאַרוואָס זי דאַרף נישט האָבן גאָלד,
ווען אין פראָדוקטן איז איר גבירות...
זיין פאטער האט עס נישט באקלערט
און פלעגט פארמשכונען די ערד.

VIII

איך האָב קיין צייט נישט צו פאַרטרויען
אַלץ, וואָס געקענט האָט אונזער העלד;
אין איינס געווען איז ער אַ גאון —
חוץ אַלע לערעס אין דער וועלט
דאָס איז פון קינדווייז-אויף געווען
אַ שמערץ און תענוג פאַר זיין וועזן,
דאס האָט זיין גאַנצן טאָג ביז נאַכט
זיין פוילע בענקעניש באַוואַכט, —
דאָס איז די צאַרטע הייסע תאוה,
וואָס ס'האָט נאַזאָן באַזונגען לאַנג,
און האָט געענדיקט זיין לעבנס-גאַנג —
דערפילט מיט שטורעם, שיין און גאוה —
אין אַ מאָלדאַווען-סטעפ, מיט שאַנד,
ווייט פון איטאַליען, פון זיין לאַנד.

•

IX

די היץ פון האַרץ נעמט פרי באַטריבן —
אָ, פאַלשער כשוף פון ראָמאַן —
גישט די נאַטור אונז לערנט ליבן,
גור סטאַל אָדער שאַטאָבריאַן.
מיר לעכצן לעבן, — אַך פון וואַנען —
מיר זעען אים נור אין ראָמאַנען;
מיר האָבן זיך פון אַלץ דערוווסט,
און דאָך איז פרעמד פאר אונז די לוסט!
מיר זענען די נאַטור־שטים מקדים,
ס׳איז פאַרן גליק נור א געפאַר —
שפעט יאָגט די יוגנט-היץ דערפאַר
און מיט זיך כאַפן ווי אויף יאַגד אים...
אָנעגין ווייס עס גאַנץ גענוי —
דערפאַר דערקענט האט ער די פרוי!

X

ער פֿלעגט זיך קענען פֿאַרמאַסקירן,
און האָפֿן, אייפֿערן אין פּיין,
אי גויטן גלויבן, אי פֿאַרפֿירן,
אי לעכצן, כּלומרשט טרויריק זיין;
דאָ — שטאָלץ, און דאָ — געהאַרזאַם פֿאַלט ער,
דאָ אויפֿמערקזאַם, און דאָ — אַ קאַלטער!
פֿלעגט שווייגן פֿול מיט צאַרטן חן,
פֿלעגט ריידן פֿלאַמענדיק און שיין;
די ליבע-בריוולעך — נישט געשליפֿן!
און פֿלעגט ער ליבן טריי און ריין —
פֿלעגט ער פֿאַרגעסן זיך אליין!
און אין זיין בליק דעם צערטלעך-טיפֿן
פֿאַרשעמט און פֿרעך פֿונם באַגער
פֿלעגט אָפֿט אַ פֿינקל טון אַ טרער!

*

XI

אנייער אָפט פלעגט ער זיך דאַכטן,
די אומשולד מאַכן אָפט דערשטוינט,
דאָ — מיט אַ יאוש א געמאַכטן,
און דאָ — צו חנפּענען געווינט;
ער לאָזט נישט גיין די פרייד פאַרלאָרן,
דעם פּאָראורטייל פון אומשולד-יאָרן
מיט לוסט באזיגט ער און פאַרשטאנד;
אַ צערטל וואָרט פון מיידל-האַנט,
און פאָדערט, בעטלט ליבע-פריידן,
כאַפּט אויף דעם ערשטן האַרץ-אַקאָרד,
יאָגט נאך די ליבע ראַש — אום דאָרט
געהיים זיך טרעפן אָפצורײדן,
און דאַן, בײנאַנד, מיט גרויס געפיל
איר געבן שטונדן אין דער שטיל!

*

ווי פרי קאָקעטקעס פלעגט ער קוועלן,
גענײטע הערצער אָפט גערעגט!
אַלץ פלעגט זיך אים פאַרניכטן וועלן
די קעגנער זיינע, — און ער פלעגט
רכילות גיפטיקע צעשפּרייטן!
און ס׳אַראַ נעצן פלעגט ער גרייטן!
נור איר פלעגט בלייבן, ווילדע לייט,
מיט אים באַפריינדט צו יעדער צייט;
אים קושט אַ מאַן אַ פאַרמאסקירטער,
פּאָבלאַזס אַ תלמיד; זקנים גרוי,
וואס טרויצן שוין נישט מער דער פרוי,
אַ מאַן אַן אַלטער, א פארפירטער,
צופרידן מיט זיין צייט-פאַרטרייב,
אי מיט זיין מיטאָג און זיין ווייב...

XIII, XIV, XV

ער פלעגט אין בעט נאָך זיין, — און וועמעס
בריוו-צעטלעך טראָגט מען אים אויף גיך?
וואָס? איינלאַדונגען? יאָ, באמת,
דריי הייזער רופן אים צו זיך:
דאָרט איז אַ באַל, דאָ — פעסט פאַר קינדער,
ווּ פליט מיין קונדס מיין געשווינדער?
ווּ הייבט ער אָן? אַהין, אַהער —
ס'איז אומעטום אים זיין נישט שווער!
דערווייל אָבער, אין מאָרגן-קליידער,
דער קאָפ אין ברייטן באָליוואַר,
אָנעגין פאָרט אויפן בולוואַר,
און דאָרט שפּאַצירט ער, ווי דער סדר:
ביז ס'קלינגט דער שלאָפלאָזער ברעגעט,
זאָגט-אָן די מיטאָג-צייט; — ס'שוין שפּעט.

XVI

שוין טונקל. זעצט זיך אין דעם שליטן;
„פאָר! פאָר” דערהערט זיך באַלד זיין שטים;
און זילבער-שטויבעלעך באַשיטן
דעם קאָלנער ביבערנעם ביי אים.
צו טאַלאָן *) יאָגט ער — ר׳מעג איצט שווערן,
אַז ס׳וואַרט שוין דאָרט אויף אים קאַווערין;
אין באַלקן פליט דער פראָפּ׳ אריין,
און ס׳טוט אַ שפּריץ דער טאָק פון וויין,
אַ בלוטיק ראָסטביף צו פאַרזוכן,
און טרופלעס זעט ער דאָרט פאַר זיך,
דאָס בעסטע פון פראַנצויזיש קיך,
אַ שטראַסבורגער אַ פּעטער קוכן,
פון קעז פון לימבורגער א פּאַס,
און אויך א גאָלדענעם אַנאַנאַס.

•

*) אַ נאָמען פון רעסטאָראַן.

XVII

די דורשט בעט וויין נאָך צו פארגיסן
די הייסע פעטס פונם קאָטלעט;
נור דער ברעגעט גיט באלד צו וויסן,
אז ס'הייבט זיך אָן שוין א באלעט.
דער שטרענגער טעאטראלער לערער,
און דער נישט שטענדיקער פארערער
פון פרעכטיק-שיינינקע אַקטריסן,
דער ערן-בירגער פון קוליסן,
פאָרט צום טעאַטר שנעל ארויסעט,
ווו יעדער פול איז מיט קריטיק,
פאַטשט „בראוואָ-ביס" די קונצן-שטיק,
און קלעפּאַטרען פייפט ער אויסעט,
מאָאינען רופט ער אויס אָן צאָל,
כדי מ'זאָל הערן נור זיין קול...

XVIII.

אַ, צויבער-לאַנד! ווּ לאַנג באוויזן
האָט זיין סאַטיריש-פּרייען זין
דער גרויסער פרייהייטס-פריינט פּאָגוויזין,
און דער געלעריקער קניאַזשנין;
ווּ טיילן אָזעראָוו די ליידן
די פּאָלקס-התלהבות און די פריידן
פלעגט מיט סעמיאָנאָווא געטריי;
ווּ ס'האָט קאַטענין אויף-דאס-ניי
באַלעבט דעם זשעני פון קאָרנעלן;
ווּ שאַכאָווסקאָי האט פאַר דער וועלט
קאָמעדיעס זיינע אָפּט געשטעלט;
דידלאָ געקרוינט מיט רום מיט חעלן;
קוליסן-וועלט! כ'האָב דאָרט געלעבט,
און ס'האָט מיין יוגנט דאָרט פארשוועבט.

XIX

וו זענט איר, געטינס פון פאַרצייטן
הערט-צו מיין טרויעריקן קול;
איר זענט דיזעלבע? אייך פאַרבייטן
האט קיינער נישט געקענט צומאָל?
וועל איך נאָך הערן איירע כאָרן
און זען פון רוס׳שער טערפּסיכאָרן
דעם טאַנץ דעם האַרציקן צוריק?
נישט זען באַקאַנטע מער מיין בליק
וועט אויף דער בינע אויף דער אַלטער,
און וועט אויף פרעמדע זיין געווענדט
לאָרנעט אַנטוישטער אין די הענט,
פון פרייד דער צושויער דער קאַלטער,
און איך וועל געניצן אָן צאָל,
און זיך דערמאנען אָן אַמאָל?

XX

פול מענטשן; ס׳גלאַנצט די לאָזשעס-רייץ;
פאַרטער און שטולן-פול מיט רעש;
באַצייטנס פאטשט די גאַלערייע,
און ס׳הויבט-זיך-אויף דער פאָרהאנג ראַש.
צעשטראַלט און לופטיק-לייכט אינאיינעם,
געפאָלגט דעם צויבער-סמיק דעם קליינעם,
מיט מתנות נימפן בונט באַצירט
דאָרט שטייט איסטאַמינע; זי רירט
די ערד אָן מיט איר פוס איר שמאָלן,
און מיט דעם צווייטן — קרייזן מאַכט;
אַ שפרונג — און פלוצלונג פליט זי זאַכט
ווי פוך פון ליפן בא עאָלן;
זי בויגט זיך, גלייכט זיך אויסעט גרינג,
און קלאַפט אַ פוס אָן פיסל פלינק.

*

XXI

אַלץ פֿאַטשט; אָנעגין קומט. שטיל רוקט ער
זיך־דורך דורך שטולן, לאנגזאם טרעט;
אויף אומבאקאנטע דאַמען קוקט ער
אַדורך זיין צווייפֿאַכן לאָרנעט.
ער ווארפט אַ בליק ארום, נור ליידער
מיט די געזיכטער און די קליידער
בלייבט אומצופרידן נישט אומזיסט;
דערנאָך די מענער העפֿלעך גריסט,
די בינע נאָכדעם פון דער ווייטן
באטראכט צוטראָגן און צעשטרויט:
מיט געניץ זיך איליין פֿאַרטרויט:
„שוין צייט זיי אַלעמען צו בייטן;
כ׳האָב לאַנג געדולדט באַלעטן דאָ,
נור ס׳האָט דערעסן אויך דידלאָ״

XXII

אמורן, שדים, שלאנגען דרייען
נאך אויף דער בינע אָן אַ שיער;
די איינגעמאַטערטע לאקייען
אויף פוטערס שלאָפן נאך ביים טיר;
מ׳האט נאך נישט אויפגעהערט צו טאָפּען,
זיך שנייצן, הוסטן, פּאַטשן, סאָפּען,
אי אינעווייניק, אי אין גאַס
דאָרט פינקלען נאך לאמטערנעס בלאַס —
נאך רייסן זיך פון שפּאַן, פאַרפראָרן,
די פערד; ביים שייטער נאָכאַנאנד
די פורלייט קלאַפּן האַנט אָן האַנט,
די ווירטן שילטנדיק מיט צאָרן;
אָנעגין גייט אַהיים געשווינד —
דאָס גייט ער אָנטון זיך אצינד.

XXIII

איך וועל אייך מאָלן מיט התמדה
דעם קאַבינעט, ווו אָפּטמאָל שטייט
דער טרייער שילער פון דער מאָדע
באַקליידט, אַנטבלויזט און פריש באַקליידט
אַלץ, אַלץ מיט וואָס צוליב קאַפּריזן
ס'האָט לאָנדאָן האַנדלען נור באַוויזן,
און פירט דורך באַלטיק־ים אַוועק
צו אונז פאַר וועלדער און פאַר שפּעק;
אַלץ, אַלץ וואָס דער געשמאַק פּאַריזער
פון סחורות נוצלעכע פאַרדינט,
וואָס ער פאַר תענוג נור דערפינדט,
פאַר דער היינט־מאָדישקייט קאַפּריזער —
באַצירט דעם צימער האָט (?)
דעם פילאָזאָף אין אַכצן יאָר.

*

XXIV

אויף ליולקעס סטאַמבולער — בורשטינען,
דער טיש מיט פאַרפאָר, בראָנז ארום;
דעם גייסט פאַראיידלטן צו דינען —
אין אַ קריסטאָל-פלאַקאָן פאַרפום.
שטאָל-זעגלעך, קעמעלעך צעשפרייטע,
אַ גלייכע שער און א פארדרייטע,
פון דרייסיק מינים בערשטלעך קליין
אי פאר די נעגל, אי פאר ציין;
רוססאָ. — (כ׳מוז אגב דאס פאַרטרויען)
פלעגט נישט פארשטיין, ווי פלעגט עס גרים
די נעגל רייניקן פאר אים
דעם וואַנזיניקן רעדנער-גאון;
אַך, דער פארטיידיקער פון רעכט
איז אין דער הינזיכט נישט גערעכט!

XXV

מ׳ען קאָן פאַרדינען געלט זיך קליגן,
אין אויף די נעגל אכטן טריי;
צו וואָס זיך מיט דער וועלט צו קריגן?
דער מנהג — איז א טיראַניי!
ס׳פלעגט מיין יעווגעני, ווי קאַווערין,
זיך שרעקן פאַר אַן אורטייל שווערן,
פלעגט זיין אין בגדים א פעדאַנט,
דאָס, וואס מיר רופן אָנעט פראַנט;
דריי שעה פלעגט, וועניקסטנס, זיך פלאָגן
ביים שפיגל מיט זיין טואַלעט,
און פלעגט ארויס פון קאבינעט, —
ווי ווענוס לייכטזיניק-צוטראָגן,
בשעת, אין הויזן, אָן שום חשד
די געטין פאָרט צום מאסקאראַד...

*

XXVI

כ׳קען מאָלן נייעסטע פאַסאָנען
פאר אייער נייגעריקן בליק;
כ׳וואָלט פאר מבינים מאָלן קאָנען
זיין גאנצע קליידונג מיטן שיק.
אלס „העזה" וואָלט איר עס גערופן —
נור כ׳בין צום שרייבן דאָך בארופן!
דאָך פאַנטאַלאָנען, פראַק, זשילעט —
אויף רוסיש ווערט עס נישט גערעדט;
איך בעט מיין שולד שוין מיר פארצייען,
וואס כ׳האָב מיין אָרעם-בלאַסע שפראך
פון בונטע פרעמד-ווערטער אסך
זיך נישט געמיט ביז איצט באפרייען...
כאָטש איך פלעג אָפטמאָל טון אַ זוך
אין אַקאדעמיש ווערטער-בוך.

XXVII

בור לאָמיר לאָזן עס אצינדער,
און איילן בעסער צו דעם זאַל,
וווּהין אָנעגין איז געשווינדער
אַוועקגעפלויגן אויף אַ באַל.
פאַרלאָשן-טונקלע הייזער שטייען,
אין גאנצער גאַס-לענג ברענען רייען
פון קאָטש-לאַמטערנעס; זייער פאַס
באַלויכט מיט היימלעכקייט די גאַס
מיט רעגנבויגנס ליכטן שנייען;
באַצירט ארום מיט אייל-געשיר
שטראַלט העל אַ הויז אין רייכן ציר
דורך זיינע פענסטער שאָטנס גייען,
און ס'טוען פּראָפּילס אָפּט אַ שוועב
פון לעב-יונגען און פרויען-קעפ.

XXVIII

אט איז אַהער מיין העלד געקומען;
פאַרביי דעם שווייצאַר, ווי אַ פייל,
אַ פלי דורך מירמל־טרעפ, גענומען
די האָר פאַרריכטן אין געאייל,
און איז אריין; געפּאַקטע זאַלן!
ס'איז די מוזיק שוין מיד צו שאַלן;
מאַזורקעס טאַנצט מען דאָ און דאָרט;
אַן ענגשאַפט, רעש אין יעדן אָרט;
ביי אָפיצירן צימבלען שפּאָרן;
א מחנה דאַמען־פיסלעך פליט;
און ס'יאָגן־נאָך די כשוף־טריט
צעפלאַמטע בליקן ווי פאַרלאָרן
און עס פאַרטויבט דער פידל־ברום
די פרויען־מורמלעריי ארום.

XXIX

אין טעג פון שמחות און באגערן
אַ באַל פלעגט אויפרעגן מיך טיף;
דאָס בעסטע אָרט פאר ליבּ׳-ערקלערן,
און איינצורייכן ליבע-בריוו;
אָ, מענער! צייט זיך צו באַזינען,
איך בין אייך גרייט אצינד צו דינען!
אין מיינע ווערטער הערט זיך איין,
איך וויל אייך איצטער מזהיר זיין:
אייך, מאַמעס, אויך וואָלט איך געראָטן
די טעכטער אָפּהיטן פון חטא!
האַלט גלייך און ריכטיק דעם לאָרנעט,
אויב נישט... — אל תפתח פה לשטן!
איך שרייב אזוי, ווייל שוין אַ צייט
ווי פון חטאים בין איך ווייט...

XXX

כ׳האָב אין מיין לעבן נישט געמיטן
קיין פאַרגעניגנס און קיין זינד!
און וואָלטן בעסער זיין די זיטן, —
כ׳וואָלט ליבן בעלער אויך אצינד;
כ׳האב ליב די וואַנזיניקע יוגנט,
די ענגשאפט, שיין, די פרייד און טוגנט;
און נעט-באקליידטע דאַמען זען,
און פיסלעך — שלאַנקע ווען-נישט-ווען...
נישטאָ — גאנץ רוסלאנד גייט ארומעט —
כאָטש שלאַנקע פרויען-פיס דריי פאָר!
אַך, כ׳האב א צייט געדענקט נור קלאָר
צוויי פיסלעך!... גלייכגילטיק פול אומעס,
נאָך איצט געדענק איך זייער פראַכט, —
זיי רעגן אָפּט מיין האַרץ ביינאַכט.

•

XXXI

א, ווען און ווו, אין וועלכער וויסטע
וועל איך פאַרגעסן זייער מאַכט?
אָ, ליבע פיסלעך-פּאָר! ווו ביסטו?
ווו קנייטשסטו איצט די בלומען-פּראַכט?
אייך פלעגט דער מזרח צערטלען, ליבן,
און אויף דעם צפון-שניי דעם טריבן
האט איר קיין שפּורן נישט געמאָלט;
...באַרירן פלעגט איר האָבן האָלד
נור ווייכע טעפּיכער און פיינע...
ווי לאַנג פארגעסן צוליב אייך
האב איך דעם רום און לויב צוגלייך,
מיין פאָטערלאַנד, די תפיסה מיינע?...
אַוועק דאָס יוגנט-גליק, פאַרבליט,
ווי אויף די לאָנקעס אײַרע טריט!

XXII

דיאַנאַס ברוסט, די באַקן פלאָרעס, —
זיי זענען פול מיט פראַכט און ציר!
יאָ, נור דאָס פיסל טערפסיכאָרעס
איז שענער רייצנדער פאַר מיר!
אָפט באָט-זי-אָן, זאָגט-צו די בליקן
געהיימע, אומשאַצבאַרע גליקן,
עס רייצט איר שיינקייט און וועקט-אויף
פארלאַנגען פרעכע אינם גוף.
איך האב זי ליב, מיין פריינט עלווינע,
אי אונטערן טישטוך ווייס און לאַנג,
אי אויף דער לאָנקעס פרילינגס-באַנק,
אי ווינטער-צייט ביי די קאַמינען,
אויף שפיגלנעם פאַרקעט אין זאַל,
ביים ים-גראַניט, ווו ס'ברויזט דער וואַל.

XXXIII

דעם ים געדענק איך פֿאַרן וויכער:
ווי כ׳פֿלעג מקנא זיין דער וועל,
וואָז פֿלעגט צעשטורעמט לויפֿן גיכער
צו אירע פֿיס זיך לייגן שנעל!
ווי וואָלט איך דאַמאָלס מיט די וועלן
די פֿיס באַרירן אירע וועלן!
כ׳האָב קיינמאָל נישט אין הייסע טעג
פֿון קאָכנדיקן יוגנט-וועג
געלעכצט אזוי אין פֿיין אין שווערן
צו קושן ליפֿן יונג-צעבליט,
די באַקן-רויזן הייס-צעגליט,
צי ברוסטן, פֿולע מיט באַגערן;
ניין, ניין, אַזאַ געדראַנג פֿון לוסט
האָט נאָך מיין זעלע נישט געוווּסט!

XXXIV

ס'נעמט אָפּט דער עבר זיך באוויַיזן;
און כ'בין צו זען אין טרוים אימשטאַנד,
ווי כ'האַלט אין גליק דעם זאָטל-אייזן,
און כ'פיל איר פּיסל אין מיין האַנט;
דאַן נעמט מיין דמיון ווידער זידן,
און זיין באַרירונג צינדט אין מידן
פאַרוועלקטן האַרץ די בלוטן פריי,
און כ'בענק, און כ'ליב שוין אויף-דאָס-ניי!...
נור ס'דאַרפן שטאָלצקייטן אזעלכע
נישט זיין פון לירע פיל באַערט!
די תאוות זענען זיי נישט ווערט,
נישט ווערט די לידער גאָר, צו וועלכע
באַגייסטערט האָבן זיי; עס נאַרט
דאָס וואָרט און בליק, — ווי פיסלעך צאַרט!...

XXXV

ווּ איז אָנעגין? וואס-זשע טוט ער?
ער פֿאָרט אַהיים פֿון באַל סוף-נאַכט,
ווען פּעטערבורג דער אומבארוטער
איז ערשט פֿון פּויקן-קלאַנג דערוואַכט.
ס׳שטייט אויף דער סוחר, מ׳הערט אַ הירזשע!
דאָס ציט אַ פּורמאַן צו דער בירזשע,
דאָרט מיט אַ קרוג אַ ווייבל פּליט,
דער שניי קנאַקט-אונטער אירע טריט;
ס׳וואַכט-אויף דער מאָרגן-רויש דער וועקער:
די לאָדנס אָפֿן; ס׳שטייגט דער רויך
ווי בלויע זיילן אין דער הויך;
דער פּינקטלעך ריינער דייטש, דער בעקער,
אין מיץ פּאַפּירנער, האָט צום גאַס
געעפֿנט שוין זיין „וואַס-איסט-דאַס“...

XXXVI

שוין מיד פון באַל, פון רויש און שפּילן,
דעם טאָג פאַרוואַנדלענדיק אין נאַכט,
שלאָפט רויק איצט אין שאָטן שטילן
דאָס קינד פון תּענוג און פון פּראַכט;
שטייט-אויף אין מיטן טאָג אָן זאָרגן, —
ס'איז גרייט זיין לעבן שוין ביז מאָרגן,
איינטעניק-גרוי און פאַרביק-רייך,
דער מאָרגן צו דעם נעכטן גלייך;
נור צי געשטראַלט האט גליק גענוג אים
אין בעסטער צייט פון לעבנס-מאַי,
מיט די נצחונות שטאָלץ און פריי,
מיט די אַלטעגלעכע תּענוגים?
פלעגט נישט אומזיסט ביי פעסט און וויין
געזונט און אומפאָרזיכטיק זיין?...

*

XXXVII

צו יאוש איז ער פרי געקומען;
די וועלט דערעסן האָט אים לאַנג;
אַ קורצע צייט נור האט פֿארנומען
די פרויען-שיינקייט זיין געדאַנק;
דערעסן האָט פֿאַררעַט און פֿיינדשאַפֿט,
דערעסן אויך די פריינט און פריינטשאַפֿט;
ווייל דאָך נישט-שטענדיק דעם ביפשטעקס
און פעטע שטראַסבורגער געבעקס
פלעגט ער פֿאַרגיסן מיט שאַמפּאַניער,
און שאַרף זיך ווערטלען אָן אַ צאָל,
בעת ס'טוט אים ווייי דער קאָפּ צומאָל;
און כאָטש אַ היציקער, ווי שפּאַניער,
פלעגט ער נישט ליבן קריגערייי,
און נישט קיין שווערד און נישט קיין בלייי.

✱

XXXVIII

שוין צייט צו אויפזוכן די סבה
דערפון — דאָס איז אַ קרענק אַזאַ,
אויף ענגליש — ספּלין; קורץ — ס'איז די טריבע
די אמת־רוסישע כאַנדראַ,
זי האט אים ביסלעכווייז געפאַנגען;
נור, גאָט צו דאַנקען, אַ פאַרלאַנגען
זיך שיסן האָט ער נישט געפילט;
נור גלאַט געוואָרן אָפּגעקילט;
ווי טשיילד־האַראָלד, אַ מידער, טריבער,
פלעגט ער זיך ווייזן אין סאַלאָן,
און נישט רכילות, נישט באָסטאָן,
קיין פרעכער זיפץ, קיין בליק קיין ליבער, —
עס האָט אים גאָרנישט ניט גערירט,
ער האט קיין זאַך געזען, געשפּירט...

XXXIX, XL, XLI... XLII

געוואָרן קודם איז ער קעלטער
צו אייך, קאָקעטקעס פון באָ-מאָנד!
באמת, יאָ, אין אונזער עלטער
איז אונז דער „הויכער טאָן” נישט גאָנט!
כאָטש ס'שמועסן נאָך מאַנכע דאַמען,
קאָן זיין, פון סעי'ען און בענטאַמ'ען;
בכלל איז זייער פּלאַפּלערײ —
אַן אומערטרעגלעך שטותערײ;
זיי זענען, אגב, פול מיט צניעות,
שוין צופיל מאַיעסטעטיש, קלוג,
און פרום און גאָטזעליג גענוג,
און פּאָרזיכטיק, און פול מיט שהיות,
אַזוי נישט-צוגענגלעך און קאַלט, —
ס'ווייט ספּלין פון זייערער געשטאַלט!

IIILX

אויך איר, קאָקעטקעס, וואָס — פון בעלער
איר פּאָרט בײנאַכט, געצירט אין שמוק,
אויף דראָשקעס יאָגנדיק אַלץ שנעלער
אַדורך דעם פּעטערבורגער ברוק —
ער האָט געמוזט פון אײך זיך שײדן!
ער לאָזט די שטורעמדיקע פרײדן;
אין שטוב פאַרשלאָסן, װען-נישט-װען
נעמט ער זיך פלײסיק צו דער פּען
צו שרײבן עפּעס װאָס; די פּען אים
ביז איבל נמאס אָבער װערט;
זײן פּען בלײבט פרוכטלאָז; נישט באַשערט
איז אים צו זײן אין צעך אין יענעם,
פון װעלכן כ׳אורטײל שוין נישט מער,
װײל איך אַלײן צו אים געהער!

XLIV

פֿלעגט אומגיין ליידיק, פול פֿאַרדראָסן,
מיט פוסטער זעל, אָן האַפט און קראַפט;
דערנאָך (גאַנץ ליובנסוועגט) באַשלאָסן
פון פרעמדע גייסטער ציען זאַפט;
מיט ביכער פּאָליצעס אַ פולע, —
נור ס'בלייבט זיין לעזן אָן אַ פּעולה!
דאָ — אומעט נור, דאָרט — פֿאַלשער בלאַנק,
דאָ — קיין געוויסן; קיין געדאַנק;
אויף אַלץ די קייטן ליגן זיכער;
דאָס אַלטע איז געוואָרן אַלט,
דאָס נייע — אויך שוין אַלט און קאַלט;
ווי פרויען, וואַרפט ער אויך די ביכער,
און זייער שטויביקן געזינד
פֿאַרהענגט מיט טרויער-טול געשווינד.

*

XLV

אבטרייסלענדיק, ווי ער, פון וועזן
פון וועלט-געזעצן יעדע שפור, —
בין איך זיין חבר דאַן געוועזן;
מיר איז געפעלן זיין נאַטור,
די אינסטינקטיווע טרוימען העלע,
זיין אייגנשאַפט אָריגינעלע,
זיין שאַרפער אָפּגעקילטער גייסט;
ער — פּינסטער-טריב, און איך — פאַרכעסט;
בור פול מיט תאוה — ביידנס יאָרן,
דאָס לעבן טון פלעגט ביידן באַנג,
פאַרלאָשן ביידנס הערצער לאַנג;
דערוואַרט אונז ביידן האָט דער צאָרן
פון מענטש און מזל, ביים באַגין
פון אונזער לעבן פרילינגס-גרין...

*

XLVI

ווער ס'לעבט און דענקט, דער וועט נישט קאָנען
נישט האַסן מענטשן לאַנג און שווער;
ווער ס'פילט, מוז אומרויק דערמאָנען
די טעג, וואָס קומען שוין נישט מער;
אים קאָן קיין צויבער-פרייד נישט פאַנגען,
אים גריזשען די זכרונות-שלאַנגען,
חרטות רויבן אים זיין רו;
דער צער גיט פראַכט דעם שמועס צו,
די שיינקייט פון געשפרעך פאַרמערט ער;
אָנעגינס שפּראַך האָט מיך דערשטוינט,
דערנאָך האָב איך מיך צוגעוווינט
צו די איראָניש-שאַרפע ווערטער,
צום וויץ, געמישט מיט גאַל און סם,
צום בייזן שטאָך פון עפּיגראַם...

XLVII

אפט זומער-לעב, בשעת אין דרימל
ליכט אַזוי דורכזיכטיק און העל
אויף דער נעוואַ דער נאַכטיק הימל,
ווען ס'שפּיגלט נישט די היימלעך וועל
דיאַנאס שטריכן די צעשטראַלטע, —
דערמאָנענדיק ראָמאַנען אַלטע,
די ווייטע ליבע פון אַמאָל, —
ווי פילבאַר, זאָרגלאָז, ווייט פון עול,
מיר פלעגן טרינקען אָטעמס זיסע
פון גנעדיק-לייטזעליקער נאַכט;
ווי אין אַ גרינעם וואַלד געבראַכט
ווערט אַ געשמידטער פון זיין תפיסה, —
פלעגט טראָגן אונז די טרוימערייי
צו אונזער ווייטן לעבנס-מאַי.

XLVIII

פֿול מיט פֿאַרדראָסן, אַ פֿאַרשמאַכטער
אַן אָנגעלֿענטער אָן גראַניט,
פֿלֿעגט שטיין יעווגעני אַ פֿאַרטראַכטער
ווי מאַנכער דיכטער זינגט אין לֿיד;
עס פֿלֿעגן נאַכט-וועכטער צו צייטן
זיך איבֿערפֿייפֿן נור פֿון ווייטן;
און נור א ווייטער דראָשקע-קלֿאַנג
פֿלֿעגט פֿון „מילֿיאָננע” הילֿכן באַנג;
אַ רודער-שיפֿל פֿלֿעגט נור שווימען
אַדורך דעם דרימלֿענדיקן טייך,
און ס'האָט געצויבֿערט אונז צוגלֿייך
אי האָרן-קלֿאַנג, אי לֿידער-שטימען;
נור זיסער איז, אין פֿרייד פֿון נאַכט,
טאָרקוואַטאָ טאַסס אָקטאַוון-פּראַכט!

XLIX

אָ, אַדריאַטיק-ים! אָ, ברענטע!
איך וועל דערזען נאָך אייך אַמאָל,
און, פול באַגייסטערונג צעברענטע,
דערהערן אייער צויבער-קול!
אַפּאָללאָס אייניקל האַלטס טייער!
לויט בייראָנס לירע שטאָלצער, פרייער
איז אייער קול באַקאָנט און נאָנט!
אין די איטאַליען-נעכט דערמאָנט,
כ'וועל זייער צערטלעכקייט געניסן;
מיט אַ ווענעציערין ביינאַנד
(וואָס שטומט און פּלאַפּלט נאָכאַנאַנד)
אין אַ געהיימער גאָנדל פליסן;
זי וועט אין מויל מיר מאַכן וואַך
פּעטראַרקעס שפּראַך און ליבע-שפּראַך...

L

צוױ װעט מײַן פֿרײַהײט קומען שפּעטער?
איך רוף צו איר! שױן צײַט! שױן צײַט!
כ׳דערװאַרט בײַם ים א גוטן װעטער,
און רוף די זעגלען פֿון דער װײַט;
װען װעל איך מיט די כװאַליעס שטרײַטן,
און דורך דעם פֿרײַען ים דעם װײַטן
זיך לאָזן אין מײַן פֿרײַען װעג?
כ׳װיל לאָזן שױן דעם אומעט־ברעג
פֿון דער סטיכיע דער נישט־ליבער,
און אױף דעם טראָפּיש־הײסן ים
בײַם אַפֿריקאַנער הימל־פֿלאַם
א זיפֿץ־טון װעגן רוסלאַנד טריבער,
װוּ כ׳האָב געליבט, געטריבט מיט בלוט,
און װוּ מײַן האַרץ באַגראָבן רוט...

•

LI

אנעגין איז מיט מיר צו פאָרן
געוועזן אין פרעמדע לענדער גרייט;
מיר זענען אָבער גיך געוואָרן
אויף לאנג פון מזל דאן צעשיידט;
זיין פאָטער איז געשטאָרבן דאמאלט;
ס'האָט פאר אָנעגין זיך פארזאמלט
פון מלוהס דורשטיקע א פאָלק;
ס'האָט יעדער זיין פארשטאנד, זיין טאָלק:
יעווגעני, ווייט פון קאמף, מיט פריידע,
(זיין גורל נעמענדיק אָן שרעק)
גיט זיין ירושה זיי אוועק,
נישט זעענדיק קיין גרויס אבדה,
צי פילנדיק פאָרויס, אז באלד
שטארבט-אָפּ זיין פעטער, וואָס איז אלט.

•

LII

און פלוצלונג האט ער פון פאַרוואַלטער
אַ בריוו באַקומען, ווו עס שטייט:
זיין פעטער ליגט, ביים שטאַרבן האַלט ער,
און איז זיך זעגענען שוין גרייט;
לעזט־דורך די טרויעריקע ידיעות,
און פליט אַוועקעט אָן שום שהיות
אויף פּאָסט־פערד צו דעם פעטערס הויז;
ער האט געגעגעצט שוין פאָרויס,
צוליב ירושה־געלט, אַ גרייטער
אויף זיפצן, אומעטן (און פון דאַן
הויבט־אָן זיך טאקע מיין ראָמאַן)
ער קומט אין דאָרף, און — אַ צעשפּרייטער
ליגט אויפן טיש דער מת — באַשערט
איר צינז צו אָפּגעבן דער ערד.

*

LIII

פול הויף-דינסטן; פון אַלע זייטן
צום טויטן קומען זיך צונויף
אי פיינט, אי פריינט פון נאָנט און ווייטן,
לויה-ליבהאָבער אָן סוף;
באַגראָבן פיין האָט מען דערנאָך אים,
עס עסן, טרינקען געסט, גלחים,
און פאָרן-אָפּ אַהין, אַהער,
ווי נאָך אַן אַרבעט ערנסט-שווער;
אָנעגין בלייבט אין נייע לענדער,
פון וואַלד און ערד דער פולערווירט;
כאָטש ער האָט אַנדערש זיך געפירט,
דער פיינט פון אָרדנונג, דער פאַרשווענדער,
ער איז צעפרידן, וואס אַוועק
איז ער פון פריערדיקן וועג.

LIV

פון פעלדער איינזאַמע די שטילקייט
צוויי טעג געווען פאַר אים איז ניי,
פון וועלדער טונקעלע די קילקייט,
פון שטילן שטראָם די מורמלעריי;
דער באַרג און טאָל, דאָס פעלד אין בליטן
דערעסן האט דעם טאָג דעם דריטן;
דערנאָך אַ שלאָף נור אָנגעווייט;
דערנאָך דערזעט ער, אַז צעשפּרייט
איז אויך אין דאָרף דערזעלבער אומעט,
כאָטש ס׳איז נישטאָ קיין גאַס, בכלל,
קיין קאָרטן, פּערזן און קיין באַל;
ס׳נעמט די כאַנדראַ אויך דאָ ארומעט
און לויפט אים נאך זיין צייט-פּאַרטרייב
ווי שאָטנס, ווי אַ טרייע ווייב.

LV

איך בין געבוירן פאַר אינטימען
און שטילן דאָרף, ווו ברייט דער רוים!
דאָרט הילכן ריין די לירע-שמימען,
באַלעבטער איז דער שאַפונגס-טרוים;
איך ווידמע זיך דער צייט דער פרייער,
עס ווערט די סאַזעווקע מיר טייער,
און Farniente – איז מיין כלל;
כ׳דערוואַך באַגינען מיט דעם שטראַל,
און צערטל פריי זיך, ניי-געבאָרן:
איך לייען ווייניק, כ׳שלאָף צופיל,
דער פוסטער רום איז נישט מיין ציל;
אַזוי האָב איך אין קינדהייטס-יאָרן
אין גאָרנישט-טון, פון רו באַוואַכט,
די טעג די גליקלעכסטע פארבראַכט!

LVI

אַ, בלומען, ליבע, פעלדער גרינע,
אָ, דאָרף! כ׳בין טריי אייך אָן אַ שיער!
כ׳שטרייך־אונטער אָפּט די נפקא־מינה
צווישן אָנעגינען און מיר,
עס זאָל אַ מאַנכער לעזער — מעג ער
זיין שפּאָטיש־שאַרף, צי אַ פאַרלעגער
פון שמוץ, רכילות און פון שונד, —
נישט אויסגעפינען דאָ קיין גרונד
צו חזרן בקולי־קולות,
אַז כ׳האָב געמעקט דאָ מיין פּאָרטרעט,
ווי בייראָן, אָט דער שטאָלץ־פּאָעט!
גלייך ווי מיר זענען נישט ביכולת
פּאָעמען שרייבן פיין און שיין
פון אַנדרע, נישט פון זיך אַליין!

כ׳באַמערק דאָ: אַלע דיכטער זיינען
מיט ליבע טרוימישער באַפריינדט;
אין חלום פלעגן מיר דערשיינען
אָפט ליבע זאַכן העל באשיינט;
ס׳פלעגט זייער בילד מיין זעל פאַרוועבן;
די מוזע פלעגט זיי דאַן באַלעבן,
כ׳פלעג דאַן באזינגען יעדן שטראַל,
די בערגער-פרוי, מיין אידעאַל,
די פראַכט פון קרים, די טעכטער אירע;
פון אייך, אָ מיינע ליבע פריינט,
אַ שאלה אָפטמאָל הער איך היינט:
„נאָך וועמען בענקט אַצינד דיין לירע?
„און וועלכער יונגפרוי שוין פון לאַנג
„געווידמעט האָסטו דיין געזאַנג?“

LVIII

ווער האָט באגייסטערט דיך צו קלאַנגען,
„געשענקט אַ שמייכלענדיקן בליק
„פאַר דיינע טרוימישע געזאַנגען?...
„און וועם פארגעטערסטו מיט גליק?"
אַך, קיינעם, קיינעם, באמונות;
די וואַנזין-ליבע — איך דערמאָן עס —
אַדורך גאנץ פריידלאָז איז פאַר מיר!
ווייל דעם, ווער ס'האָט באַהעפט מיט איר,
זיין ריימען-היץ; מיט דעם פארמערט ער
פון פערז די הייליק פאַנטאַזי
לויט דער פעטראַרקעס פאָעזי, —
און זעלבסט געטרייסט, בארויקט ווערט ער,
און אגב, כאפט ער אויך דעם רום;
נור איך געווען בין דום און שטום!...

נג

אוועק די ליבע, מוזעס קומען,
מיין שכל ווערט געלייטערט, פריין;
און אָטאָ האָב איך זיך גענומען
צו צויבער-קלאַנגען אויפדאָסניי!
איך שרייב, דאָך אָן דער בענקשאפט שווערער;
מיין פען, פארגעסן, מאָלט נישט מערער
ביים נישט-פארענדיגטן געדיכט
קיין פרויען-פיסעלעך געדיכט;
פארלאָשענער אַש שלאָפט קאלט און זיכער;
איך בענק נאָך, נור נישטאָ די טרערן;
און באלד, אינגיכן, ווערט שוין מער
נישט בלייבן אין מיין זעל קיין וויכערן;
כ׳וועל אָנהייבן צו שרייבן דאָן
אין צוואנציק פרקים א ראָמאַן.

*

LX

כ׳האָב טראכטן פון מיין חעלד געגומען,
און וועגן פאָרם פון דעם פּלאַן, —
דערווייליע איז צום סוף געקומען
דער ערשטער פרק פון ראָמאַן;
כ׳האָב אָנגעהייבן שטרענג צו זוכן —
פאַראַן אַסך דאָ ווידערשפּרוכן,
נור מעקן איז נישט מיין נאטור;
כ׳באַצאָל מיין חוב פאר דער צענזור!
כ׳גיב זשורנאליסטן-פרעסער איבער
די אָרמע פּירות פון מיין מי!
גיי צו די נעווא-ברעגן, פלי,
מיין נייגעבוירן-פרישער חבור,
און דאָרט פאַרדין דעם רום מיר טריין
רכילות, טומל, זידלעריי!...

•

צווייטער פּרק

1

דער דאָרף יעוועגעניס, ווייט פון מענטשן,
  געווען איז אַ פּרעכטיק אָרט;
דער פריינט פון אומשולד-תענוג — בענטשן
וואָלט קאָנען הייס דעם הימל דאָרט.
דאָס פריציש הויז, וואָס איז באַהאַלטן,
באַצאַמט מיט בערג פון ווינט פון קאַלטן,
שטייט האַרט ביים טייך; און פון דער ווייט
דאָרט בליען העל מיט בונטן זייד
די לאָנקעס, פעלדער גאָלד-באַשאָטן,
צעזייטע דערפלעך אָן אַ סוף,
אין לאָנקעס בלאָנדזשען סטאַדעס שאָף,
און ס׳שפּרייט זיין ברייט-געדיכטן שאָטן,
דער גרויסער סאָד, פאַרלאָזט, געהיים —
פון נימפן טרוימישע אַ היים.

II

ס׳איז דער סאָלידער שלאָס דער רייכער
גע‌בוֿיט ווי ס׳דאַרף צו זיין; ווי שטאָל —
אַ פעסטער, רויקער, אַ גלייכער
לויט די געשמאַקן פון אַמאָל;
חדרים ריזיקע און הויכע,
אין זאַל — פון שטאָף טאַפּעטן ווייכע,
קיסרים-בילדער אויף די ווענט,
אויף אויוונס — בונטער אָרנאַמענט;
אַלץ — אַלט, פאַרלאָזט אין שלאָס אין שטילן,
איך ווייס אַליין נישט צוליב וואס,
נור, איבעריקס, מיין פריינט אין שלאָס
פלעגט ווייניק עגמת-נפש פילן,
ווייל ר׳האָט געגענעצט סיי-ווי-סיי
אין יעדן זאַל — סיי אַלט, סיי ניי.

*

III

ער האָט באַזעצט זיך אין דעם חדר
פון אַלטן תּושב, דעם לאַקיי,
וואָס האָט געשאַלטן זיך כּסדר
דאָרט אַ יאָר פערציק נאָך דער ריי:
דער פּאָל פון דעמב; ס'איז דאָרט געשטאַנען
אַ טיש, צוויי שראַנקען און דיוואַנען;
אַרום — קיין מינדסטער פלעק פון טינט;
ער עפנט שראַנקען, און געפינט:
דאָ — אַ הוצאה-העפט געבליבן,
דאָרט — ווישניאַק-פלעשלעך אָן אַ שיעור,
דאָ — עפּל-וואַסער אין געשיר,
אַ לוח פון אַכטהונדערט-זיבן:
דער פעטער האָט, פון מי געדריקט
אין אַנדרע ביכער נישט געבליקט.

IV

אליין אין דאָרף, אויף ערד אויף זיינער,
אום ס'זאל נישט נמאס ווערן פאָרט, —
באַשלאסן האט יעווגעני מיינער
אַ נייע ארדנונג מאכן דארט;
דער ישוב-חכם מיט זיין לערע
שאַפט-אָפּ די פּאַנשטשיזנע די שווערע
און טוישט עס נור אויף לייכטן צינז; —
דער שקלאַף בענטשט גאָט פאַר דעם געווינס;
איין פּריץ ווערט אין כּעס; זיין שכל
דערזעט דערינען אַ געפאַר,
און בלאָזט זיך אָן אויף אים דערפאַר;
אַ צווייטער טוט אַ כיטרען שמייכל;
באַשלאָסן ווערט ווי אַ געזעץ:
ר'איז אַ געפערלעך-פרעכער לץ.

ז

מ'פלעגט אים באזוכן לכתחילה;
נור ס'פלעגט שוין זיין דאָרט אָפּגעמאַכט,
אַז ביי די הינטער-גאַניקס שטילע
פלעגט ווערן שנעל זיין פערד געבראַכט
ווי נור פון שליאַך פוןברייטן פלעגן
פור-קלאַנגען קומען אים אַנטקעגן;
ס'האָט זיי באַליידיגט דער באַנעם —
און — אויס די פריינטשאַפט צוליב דעם.
„ער איז אַ פּראָסטער בור-דאוריתא",
„פון פאַרמאַזאָנען מוז ער זיין;
„מיט גלעזער טרינקט נור רויטן וויין;
„קושט נישט די דאמען-האנט די ווייסע;
„נישט „דאַ—ס" און „ניעט—ס", נור „דאַ" און „ניעט".
אַזוי האָט מען ארום גערעדט.

•

VI

צו זיך אין הויף איז גראָד געקומען
אַ יונגער פריץ דאַן צוריק;
און ס'האָט זיך אויך צו אים גענומען
די שטרענגע שכנימשע קריטיק.
וולאַדימיר לענסקי הייסט עס יענער,
אַ זעל אַן אמת־געטטינגענער,
עכט-שיין אין פולן לעבנסגלאַנץ,
א דיכטער און פארערער קאַנטס,
ער האט פון איבער דייטשלאנדס שוועלן
געבראכט פון וויסנשאפט דעם גייסט;
חלומות פרייע, שיין און דרייסט,
אַ הייסן גייסט, אָריגינעלן,
א שפּראַך התפעלותדיק און קלאר
און, ביז די שולטער, שווארצע האָר.

•

VII

עס האט נאך נישט פארוועלקט זיין ווען
פון קאלט-געמיינעם לעבנס-זנות,
דערווארעמט איז זיין זעל געוועזן
מיט פרויען-קוש און חבר-גרוס;
זיין הארץ האט גארנישט ניט געוווסט נאך;
די האפנונג צערטלען פלעגט זיין ברוסט נאָך
און פון דער וועלט דער רויש און בלאנק
האט נאך געצויבערט זיין געדאנק.
ער פלעגט פון הארץ-ספקות די אימה
מיט טרוים פארוויגן אין דער שטיל,
און ס'איז פאר אים דער לעבנס-ציל
געווען א רעטעניש א געהיימעז;
ער ברעכט זיין קאָפּ אָפּט איבער איר
און זעט דארט נסים אָן א שיעור.

VIII

ער גלויבט: א קרובהשע נשמה
באשערט איז אים אין לעבנס-וועג
זי שמאכט, א טרייסטלאָזע, מסתמא,
און וואַרט אויף אים ווי גאַנצע טעג;
אַז זײַנע פריינט צוליב זיין ערע
גרייט זענען אַנטון קייטן שווערע,
אז אָן א ציטער זייער האַנט
צעברעכט דעם כּוס פון שמוץ און שאַנד;
אז ס'זענען וועלט-פריינט אויסדערוויילטע
פאַראַן נאָך — הייליקע, אָן זינד,
און זייער אומשטערבלעך געזינד
מיט שטראַלן געטלעכע געציילטע
וועט ווען באַלויכטן אונזער צעלט,
און שענקען זעליקייט דער וועלט.

IX

דער צאָרן, האַס, פאַרדראָס געוויסער,
די ליבע-ריין צו אַלץ וואס גוט,
און פון דעם רום דער שמערץ דער זיסער, —
האט פרי אין אים גערעגט דאס בלוט;
א וואנדערנדער לירע-שפילער,
אין לאנד פון געטע און פון שילער,
מיט זייער דיכטער-פייער העל
האט אנגעצונדן זיך זיין זעל;
דער קונסטס דערהאבן-שיינע צילן
האט ער, באגליקטער, נישט פאַרשעמט:
זיין פאעזי, זי איז נישט פרעמד
פאר שטאלץ-דערהאבענע געפילן,
פול אומשולד-טרוים און יונגער מאכט,
פול ערנסטער איינפאכקייט און פראכט.

X

ער פלעגט באַזינגען ליבע-פריידן,
אונ ס'איז זיין ליד געוועזן ריין
ווי דער געדאנק פון האַרצ'קע מיידן,
ווי וויג-חלומות צאַרט און שיין,
ווי לבנה אין דעם הימל שפעטן, —
פון סוד און צאַרטן זיפץ די געטין...
פלעגט זינגען פון צעשיידונגס-צייט,
פון עפּעס, פון דער נעבל-ווייט,
און פון ראָמאנטיש-צארטע ראָזן;
פלעגט זינגען פון דעם וויטן לאנד,
ווו אין דער שטילקייט נאָכאנאנד
פלעגט ער די טרערן רינען לאָזען;
און פון פארוועלקטע לעבנס קאלט —
אינגאנצן אכטצן יאר נאך אלט.

XI

ס׳קען נור יעווגעני דאָרט צום בעסטן
פֿאַרשטיין זיין מתּנת־אלקים:
פֿון הויפֿן שכנישע די פֿעסטן
נישט זיין געפֿעלן פֿלעגן אים;
ער פֿלעגט אָפֿט זייער שמועס מיידן,
די רייד פֿארניפֿטיקע נישט ליידן
פֿון היי־שניט, וויין, פֿון רויך און ווינט,
פֿון קרובֿים און פֿון יעגער־הינט,
אָן שום געפֿיל, און אָן דער שיינער
באַגייסטערט־דיכטערישער היץ,
אָן שכל, אָן אַ שאַרפֿזין־בליץ,
זאָגאַר אָן לעבנס־קונסט געמיינער;
די ווייבער פֿלעגן — ווינד און וויי —
נאָך רעדן נאַרישער פֿון זיי...

XII

רייך, שיין איז לעגסקי, און גאַנץ איינגיג
אַלס חתן איינגעלאַדן ווערט, —
אַזוי איז שוין אין דאָרף דער מנהג;
אַ יעדער פריץ האָט געקלערט
אים פּאַר אַן איידים זיך געווינען;
און פלעגט ער קומען — באַלד פאַרשפּינען
פלעגט מען אַ שמועס הינטן־אום, —
ווי ס׳איז דאָס בחור־לעבן דום...
מען רופט צום טיש אים מיט אַ וואַרע,
ס׳גיסט דוניע טיי פון סאַמאָוואַר;
מען פליסטערט: „דוניע, זיי קיין נאַר!“
דערנאָכדעם ברענגט מען אַ גיטאַרע,
דאַן נעמט זי פּישטשען אָן אַ מאָס!
„אָ, קום צו מיר אין גאָלדנעם שלאָס!“...

*

XIII

ס'פלעגט לענסקי קלערן גאָרנישט קאנען
פון הייראַטס-לאַסט, וואס שמידט אונז שווער, —
זיך מיט אָנעגינען באַקאנען
האָט ער געהאט נור אַ באַגער;
אָט זענען זיי צונויף צוזאַמען
אין פערז און פראָזע, אייז און פלאַמען —
מער ענלעכקייט און נאָנטקייט הערשט;
דער גרויסער היפך פלעגט צוערשט
אַן אומעט שאַפן זיי נור ביידן;
דערנאך — געפעלן זיי; דערנאך
פלעגן זיי קומען וואָך נאך וואָך,
און זיך שוין קיינמאָל מער נישט שיידן;
דער מענטש (שטראָפט מיך דעם ערשטן אָן)
ווערט אָפט אַ פריינט פון *גאָרנישט טאָן*...

*

XIV

פור ווייט פון פריינטשאַפטס-גליק פון פולן,
אָן פאָראורטיילן און געמיין —
מיר האַלטן אַלעמען פאר נולן,
פאַר איינסן אבער — זיך אליין;
מיר ווילן זיין נאַפאלעאנען;
און די צווייפיסיקע מיליאנען
איז אונזער ווערקצייג, אונזער ציל;
ווילד-פרעמד פאַר אונז איז דער געפיל;
יעווגעניין קאָן מען נאך פאַרטראָגן —
כאטש ער האט מענטשן גוט געקענט
און האט מיט האַס צו זיי געברענט,
ראך (כללים — אויסנאַמען פאַרמאגן)
ר׳האט אָפט אַן אונטערשייד געמאכט,
און דעם געפיל געטריי געאַכט.

XV

פלעגט הערן לענסקין מיט אַ שמייכל:
זיין שמועס פול מיט היץ און גליק,
זיין יונגער וואַקלדיקער שכל
און זיין באַגייסטערט-העלער בליק, —
אַלץ ניי געווען איז אים אין דיכטער;
דאס קאַלטע ווארט צו מאַכן ניכטער
איז אים אין מויל געבליבן שטום;
ער האט געקלערט ביי זיך: ס'איז דום
דאס רגע-גליק ביי אים צו רויבן;
ס'וועט קומען נאך צו אים זיין צייט;
אָט לאז ער הוליען איצט פאַרשייט,
און אין די לעבנס-שלמות גלויבן;
מיר וועלן מוחל זיין אצינד
זיין יוגנט-וואַנזין, היץ און זינד!...

XVI

זיי פלעגן פלפלען זיך אינאיינעם,
זיך לאַנג פאַרטראַכטנדיק, מיט נוץ:
דאָס שבטים-לעבן פון קדמונים,
די וויסנשאַפט, דאָס שלעכטס און גוטס,
די אַלע פאָראורטיילן אַלטע,
דער אימה-סוד פון קברים קאַלטע,
דער מזל, לעבן, פרייד און וויי —
ס׳באַקומט אַ משפט אַלץ ביי זיי;
צעפלאַמט פלעגט דאַן דער דיכטער ווערן
און, אַגב, לעזן הייס-צעברענט
פון אַ פאָעמע אַ פראַגמענט;
יעוועגעני פלעגט געפעליק הערן,
און כאָטש פאַרשטיין פלעגט ער נישט פיל, —
דאָך הערן אים מיט גרויס געפיל.

✱

XVII

בור אָפטער אין דעם וויסטן ישוב
פון תּאוות רעדן פלעגן זיי;
און, ווייט פון זייער מאַכט און כּשוף,
פלעגט זיי אָנעגין — מיט א ווײ
מיט אַ פארדרוסן-זיפץ דערמאָנען;
ס׳איז גליקלעך דער, ווער ס׳פלעגט זיי קאָנען
און איז אַוועק פון זיי; נור דער
ווער ס׳קאָן זיי בּישט — איז גליקלעך מער;
ווער ס׳פלעגט מיט ליבּע שנעל זיך שיידן,
רכילות טרייבּן אויף די פיינט,
און גענעצן מיט ווייבּ און פריינט,
אָן אייפערזוכטס געהיימע ליידן,
און האָט דעם זיידנס טרייע געלט
אויף קאָרטן קיינמאָל נישט געשטעלט!

XVI.1

פֿור דאַמאָלס, ווען, לסוף, מיר קומען
אונטער דער שטילקייטס-פּאָן צוגיין,
ווען אלע תאוה-פֿלאמען שטומען,
און לעכערלעך ווערט אונז אליין
אי זייער העזה, זיי'רע דראַנגען,
אי די פּאַרשפּעטיקטע פֿארלאנגען,
וואס ווערן איינגעשטילט גאנץ שווער, —
דאַן האָבן אָפּט מיר א באגער
די שפּראך פון פרעמדע תאוות הערן,
זי רירט דאָס הארץ אונז, וואס איז מיר
גלייך ווי אַן אלטער אינוואליד
בויגט אָפּטמאָל-אָן זיין אויער גערן
צו מעשיות פון א יונגן העלד, —
פֿארגעסן לאנג ביי זיך אין צעלט...

XIX

די יוגנט קאָן קיין זאַך פאַרבאָרגן,
  עס ווערט קיין זאַך ביי איר פאַרשטעלט —
איר שנאה, ליבע, פרייד און זאָרגן,
אַלץ פלאַפּלט-אויס זי פאַר דער וועלט!
דער אינוואליד אין ליבע-ספערן
פלעגט ערנסט אָפט, אָנעגין, הערן
ווי פול מיט ודוי, האָט גערעדט
פאר אים דער הארציקער פאָעט;
און האָט מיט צוטרוי זיין געוויסן
אָפט אָפנהארציק אים אַנטפלעקט;
עס האָט יעווגעני דאָרט אנטדעקט
זיין יונגן ליבע-גליק זיין זיסן,
פול מיט געפיל און טרוימעריי,
וואס איז שוין לאַנג פאַר אונז נישט ניי.

XX

אַך, ער פלעגט ריין און הארציק ליבן,
ווי מ׳ליבט שוין לאנג נישט אויף דער ערד,
ווי נור די דיכטער איז געבליבן
אזוי צו ליבן נאָך באשערט;
אַך, תמיד פון איין טרוים געפאנגען,
און תמיד, תמיד — איין פארלאנגען,
איין טרויער תמיד נור געפילט;
און נישט די ווייטקייט, וועלכע קילט,
נישט לאַנגע יאָרן פון צעשיידן,
און נישט די צייט, ביי קונסט פארבראכט,
און נישט פון פרעמדלענדער די פראכט,
נישט וויסנשאפט, נישט רויש פון פריידן, —
האבן נישט אומגעטוישט זיין זעל,
ווו ס׳ברענט דער אומשולד-פייער העל!...

*

XXI

אַלס קינד, פון אָלגען אַן אַנטציקטער,
נאָך ווייט פון הארצנס פיין-געפיל, —
איז ער געוועזן, א באגליקטער,
אַן עדות פון איר קינדער-שפיל;
געהיט פון וואלד-שאָטן פון שטילן,
פלעגט ער מיט איר צוזאמען שפילן,
און ס'האָבן עלטערן געקלערט,
אז ס'איז דער זווג שוין באשערט;
אין וויסטן דאָרף, אין רו אין שטילער
פלעגט בליען זי מיט אומשולד-פראכט,
פון אירע עלטערן באוואכט,
גלייך ווי א מאי-גלעקל א קילער,
וואס וואקסט אין גראָזן ווילד און גרין
גאנץ פרעמד פאר שמעטערלינג און בין.

•

XXII

זי פלעגט די ערשטע אים באַשענקען
מיט יונג-אַנטציקטער טרוימערײַ;
ער פלעגט פון איר באַגײַסטערט דענקען,
און ערשטן האַרפן-זיפץ דערבײַ
געהערט: אַריע, איר גאָלד'נע שפּילן!
ער ליבט שוין נור דעם װאַלד דעם קילן,
די אײנזאַמקײט, די שטילע רו;
נור נאַכט און שטערן ציט אים צו,
דער הײמליך אײל-לאָמפּ פון דעם הימל —
די לבנה, װאָס מיר װידמען איר
אי דעם פאַרנאַכטיקן שפּאַציר,
די טרער, װאָס װיגט דעם פּײַן אין דרימל...
דאָך איצטער דינט זי אונז דערפאַר
אַנשטאַט אַ טונקעלן פּאַנאַר...

IIIXX

געהאָרכזאַם תמיד און באַשיידן,
ווי דער באַגינען — פריילעך־שיין,
ווי דיכטער — פול מיט האַרצ׳קע פריידן,
ווי ליבע־קושן — פול מיט חן,
ווי הימל־בלוי די אויגן שיינען,
אַ שמייכל, לאָקן ווייך ווי ליינען,
באַוועגונג, שלאַנקייט, — אַלץ פאַראַן
אין איר... אין יעטווידן ראָמאַן
געפינט־איר איר פאָרטרעט, — פול תמימות,
פול ליבלעכן און צאַרטן חן;
כ׳האָב אים געליבט אַמאָל אַליין,
נור מיר געוואָרן איז ער נמאס...
דערלויב־זשע, לעזער, איצט שטאָט איר —
איר שוועסטער פאָרשטעלן פאַר דיר.

XXIV

טאַטיאַנע הייסט די העלדין מיינע...
און אָט דער נאָמען זאָל פון דאַן
באַהייליקן מיט אותיות זיינע
די צאַרטע בלעטער פון ראָמאַן.
ס׳קלינגט אַנגענעם דער נאָמען דיזער,
איך ווייס גאַנץ גוט! פאַרבונדען איז ער
מיט די זכרונות פון אַמאָל;
נור זייט זיך מודה אויפן קול:
מיר האָבן קיין געשמאַק נישט; ס׳קלינגען
די נעמען אונזערע ניט זיס,
(די לידער אונזערע געוויס!)
זיך בילדן פלעגט אונז נישט געלינגען
פון בילדונג איז געבליבן נאָר
מאַנירלעכקייט — און מער קיין האָר!

XXV

אלזאַ, טאַטיאַנע פלעגט זי הייסן;
זי האט מיט פראַכט אייך נישט געבלענדט,
און נישט מיט פרישקייטס-רייץ מיט הייסן
האָט זי אייך צוציען געקענט;
אַ שווייגנדיקע, טרויריק-ווילדע,
פחדניק ווי אַ לאַם אַ מילדע;
זי איז אין אייגענעם געזינד
בצוועזן ווי אַ פרעמדעס קינד!
זי פלעגט זיך צו איר טאַטע-מאַמען
נישט לאַשצען, צערטלען אין דער שטיל,
און פלעגט אין ראַשן קינדער-שפיל
נישט וועלן שפילן זיך צוזאַמען;
זי פלעגט צום פענסטער אָפט נור גיין,
און דאָרטן זיצן שטום אַליין.

XXVI

ס׳פלעגט אין חלומות שטענדיק שוועבן
נאָך פון דער סאַמע וויג איר זעל;
דרום פלעגט די צייט פון ישוב-לעבן
אויך זיין באַצירט מיט טרוימען העל;
די פינגער האָבן, צאַרט און איידל,
קיין נאָדל נישט געקענט; דאָס מיידל
האט מיט קיין זיידנס, בונט געוועבט,
קיין לייוונט קיינמאָל נישט באלעבט;
דער ווען העדשן האָט זיין צייכן:
עס שפילט מיט ליאַלקעס זיך דאָס קינד,
און גרייט זיך שטיפעריש און לינד,
די לעבנס-כללים צו דערגרייכן,
און זאָגט-זיי-איבער שטילערהייט
דער מאַמעס מוסרדיקע רייד.

XXVII

בור ס׳פלעגט טאַטיאַנע, פול מיט צניעות,
קיין ליאַלקע נעמען אין דער האַנט,
און פלעגט פון מאָדע, שטאָט-ידיעות
מיט איר נישט שמועסן ביינאַנד;
זי פלעגט זיך — ווייט פון קונדס-שטיפן —
אין מעשיות שרעקלעכע פארטיפן
אין פינסטער-ווינטערדיקער נאַכט —
דאָס האָט פאַר איר געהאַט מער פראַכט;
און פלעגט פאַרזאַמלען ווען די ניאַניע
אין לאַנקעס גרינינקע צום שפיל
פאַר אַלגען חברטאָרנס פיל, —
פלעגט זיך נישט וועלן שפילן טאַניען
געלעכטערס, קלינגעוודיקע רייד, —
ס׳איז נמאס איר די פוסטע פריידן

XXVIII

זי האָט געליבט אָפט אויף באַלקאָנען
די מאָרגן-זון צו מקדים זיין,
ווען אויף דעם הימל-רוים דעם העלן
פאַרשווינדט דער שטערנדיקער שיין,
ווען ס'לויכטן בלאַס פון ערד די זוימען,
און ס'ווייט דער מאָרגן-ווינט אין רוימען,
און ווייט דער טאָג פאַמעלעך שטייגט,
און ווען אַ וועלט אַ האַלבע שווייגט
באַהערשט אויף לאַנג פון חשך, ווינטער,
און ווען דער מזרח — בעת עס לויכט
די לבנה, נעפלדיק-פאַרהויכט —
רוט שטיל, מיט פוילקייט אַ באַשפּיגטער, —
דאַן פלעגט זי ווערן אָפט דערוואַכט,
ביים ליכט-שיין אויפשטיין אין דער נאַכט.

XXIX

ראָמאַנען פלעגן איר געפעלן!
אַלץ, אַלץ געפינען פלעגט זי דאָ;
געליבט אילוזיע-שיין דעם העלן
פון ריטשאַרדסאָנען און רוססאָ,
איר ווילער פאָטער איז געוועזן
אַנטוויקלט ווייניק, דאָך אין לעזן
פלעגט ער נישט זעען קיין געפאַר;
פלעגט פאַר א שפּילכל עס דערפאַר
נור האַלטן; פלעגט זיך גאָרנישט מישן
און פלעגט נישט טון צומאָל קיין זוך
דער טאָכטערשיס געהיימען בוך,
וואָס שלאָפט ביינאַכט אונטער איר קישן.
זיין ווייב פלעגט אומגיין הער-און-הין
פון ריטשאַרדסאָנען אָן אַ זין...

XXX

נור זי פלעגט ליבן ריטשאַרדסאָנען
נישט ווייל זי האט געלייענט, ניין!
נישט ווייל דאס בילד פון גראנדיסאָנען
האָט פון לאָוולאַסן מערער חן, —
נור ווייל די פירשטין פּאַווּלינע,
איר ווילע מאָסקעווער קוזינע,
פלעגט איר דערציילן דעם ראָמאַן;
דאן איז געווען נאָך איר מאַן
א חתן; זי פלעגט אים נישט ווען;
געבענקט נאָך איינעם באַנאנד,
וואס מיט זיין זעל און זיין פארשטאנד
איז איר געווען מער געפעלן;
ווי גראנדיסאָן — א ווילער פראנט,
א קאָרטן-שפּילער און סערזשאַנט...

XXXI

זי פלעגט, ווי ער, אין נייסטע קליידער
זיך צירן שטענדיק פול מיט פראַכט;
נור, נישט געפרעגט קיין עצות ליידער,
האָט מען זי חתונה געמאַכט;
כדי איר אומגליק און רעיונות
צעשטרייען, האָט דער מאַן זיין פלונית
צו זיך אין דאָרף געשווינד געבראַכט;
פון פרעמדער סביבה דאָרט באַוואַכט
פלעגט זי זיך רייסן פול מיט צאָרן,
פלעגט מיטן מאַן זיך קריגן בלויז;
דערנאָך — גענומען זיך צום הויז,
און איז צופרידן באַלד געוואָרן...
רגילות איז פון גאָט באַשערט —
דעם גליק פאַרבייט עס אונז אויף דר'ערד.

X XII

דעם אומגליקס־פּײַן פֿון איר נשמה
האָט די רגילות איר פֿאַרזיסט;
אַ ניי־דערפֿינדונג האָט נחמה
געשענקט איר האַרצן נישט־אומזיסט:
צווישן מי און אָפּרו פֿוילן
האָט זי אַנטדעקט דעם סוד דעם ווילן
ווי זעלבסט צו הערשן אויפֿן מאַן, —
און רעכט איז אַלץ געוואָרן דאַן, —
פֿלעגט זײַן בײַ פֿעלד־אַרבעט אפֿילו,
פֿלעגט זאַלצן שוועמלעך, ווי אַ ווירט
די שטוב־הוצאה פֿײַן געפֿירט,
פֿלעגט שבת גיין אין באָד צו טבילה,
פֿלעגט שלאָגן דינסטן, און פֿלעגט דאַן
קיין עצות פֿרעגן בײַ דעם מאַן...

XXXIII

אמאָל, אין מיידלשע אַלבאָמען
פלעגט זי פאַרשרייבן א קופּלעט;
פראסקאָוויע פלעגט ביי איר דעם נאָמען
פאָלינע קריגן; א קאָרסעט
פלעגט זי אן ענגן שטענדיק טראָגן,
און פלעגט דאָס נ אויף רוסיש זאָגן
אין נאָז, ווי דאָס פראנצויזיש N;
דערנאָך איז אנדערש אלץ געווען;
קאָרסעט, אלבאָמען, און פאָלינע,
סענטימענטאלע פּאָעזי —
פארגעסן אלץ האָט דאמלס זי,
אקולקען רופט זי נישט סעלינע;
זי האט זיך לאנג פון דעם באַפרייט,
און הויב און שלאָפראָק שוין באנייט...

XXIV

דער מאן פלעגט ליבן זי און לויבן,
איר משוגעת פלעגט אָפּגיין גלאַט,
ער פלעגט אין אַלץ איר טרויען, גלויבן,
און פלעגט זיך עסן אין כאלאט;
זיין לעבן רויִק האט געשוואומען;
און נאָר אין אוונט פלעגן קומען
די שכנים אָפט פון צייט־צו־צייט, —
אָן צערעמאניעס ווילע לייט, —
באַקלאָגן זיך, רכילות טרייבן,
זיך וויצלען איבער יענץ און דאָס;
די צייט פאַרגייט; דער באַלעבאָס
הייסט אָלגען מאַכן טיי; זיי קלייבן
צו וועטשערע זיך; דאַן — אַן עק,
און ס'פאָרן באַלד די געסט אַוועק.

XXXV

זיי פלעגן היטן טריי און ערן
מנהגים אלטע פון אמאָל:
אויף „מאסלעניצע״ פלעגן ווערן
געפּרעגלט „בלינעס״ אָן א צאָל,
צוויי מאָל אין יאָר זיך זיין מתודה,
און הוידעס ליבן — דאָס אודאי,
און יום־טוב-לידעלעך, און טענץ,
אין „טראָיצע״, ווען מיט בלומען-קרענץ
דער עולם קומט די תּפילה הערן,
דאן פלעגן זיי פארלירן טריי
אויף זייער גרינס א טרערלעך דריי;
און טרינקען קוואַס פלעגן זיי גערן,
די געסט דאָס עסן שוין פון לאנג
פלעגט מען דערלאנגען לויט דעם „ראנג״...

XXXVI

אזוי געלעבט האָבן די אַלטע;
ביז ס׳האָט געעפנט פאַר דעם מאַן
די קבר־גרוב איר טיר איר קאַלטע,
און ס׳האָט דער טויט געקרוינט אים דאַן;
ער איז פאַר מיטאָג־צייט געשטאָרבן,
דער שכן האָט באַוויינט דעם קרבן,
און ווייב און קינד האָט אים באַקלאָגט
גאַנץ אָפנהאַרציק, ווי מען זאָגט;
ער איז געווען אַ גוטער „באַרין״,
און דאָרט, וואו ס׳ליגט זיין אַש שוין איצט,
אויף אַ מצבה שטייט געקריצט:
„דער שטילער חוטא, דמיטרי לאַרין,
דעם בוראס קנעכט און בריגאַדיר
רוט אונטערן שטיין (...)״

X XVII

ווען לענסקי איז נאָך כּמה וואָכן
געקומען, — האט ער זיך פאַרבענקט
נאָך דער מצבה פון זיין שכן,
און מיט אַ זיפץ זיין אַש באַשענקט...
ער איז געשטאַנען לאַנג, אַ טריבער,
און האָט געזאָגט: אָ, יאָריק ליבער!
ער פלעגט מיך האַלטן אויף די הענט!
ס'האָט זיין מעדאַל מיך אָפט געבלענדט!
„ר'איז אָלגעס חתן” פלעגט ער קלערן,
און אָפט פאַרטרויערט טון אַ זאָג:
„וועל איך דערלעבן גאָך דעם טאָג?”
און אין א טרויער אין אַ שווערן
פיין אויסגעקריצט זיין שכן ז"ל
האָט ער אַ טרויער-מאַדריגאַל.

X XVIII

אויך האט ער טרויער-מאַדריגאַלן
געשענקט זיין טאטע-מאמעס אַש,
דעם אַלטן אַש פּאַטריאַרכאַלן...
ווי, אין דעם לעבנס-וועג, אין רעש,
גלייך ווי די זאַנגען, גאַנצע דורות
לויט רצון געטלעכן דעם בוראס —
זיי רייפן, שטאַרבן, ביז — אַ ווײַ —
עס גייען אַנדערע נאָך זיי...
אויך אונזער לייכטזיניקער, פּוסטער
און נאַריש דור — וואַקסט, קאָכט זיך, זידט,
און ראַש צום זיידנס קבר ציט;
ס'קומט אונזער טאָג דער אומבאַוווּסטער,
און ס'ווערט די אייניקלעך באַפעלט
אַרויסשטויסן אונז פון דער וועלט...

XXXIX

טאָ טרינקט-זשע דורשטיק, זופּט דעם לעבן,
אָ, מיינע פריינט, כּל זמן ס'איז צײַט!
איך קען זיין נישטיקייט, זיין שוועבן,
מיר איז דאָס לעבן פרעמד און ווייט;
כ'מאַך פאַר געשפּענסטער צו די אויגן, —
דאָך ווייטע האָפנונגען באַוויגן
און מאַכן אָפט מיין הארץ געקוועלט!
ס'איז שווער פארלאזן מיר די וועלט
גאָר אָן א מינדסטען שפּור א שוואכן;
איך שרייב, נור כ'האב קיין ליב נישט האלד,
דאך וואלט איך, דוכט זיך מיר, געוואלט
באַרימט מיין טרויער-גורל מאכן,
ס'זאל כאטש איין קלאנג דערמאנען ווען
ווי פריינט, אז כ'בין אמאל געווען...

*

דריטער פּרק

I

אָר, די פּאעטן! ווו-זשע פֿליסטו?
„אדיע, אנעגין, צייט צו גיין".
— איך האַלט דיך נישט! נאָר זאָג — וווּ ביסטו
די גאַנצע אָוונטן אַליין?
„ביי לאַרינס". — ס'איז א וווּנדער, כ'לעבן,
איז דיר נישט שווער מיט זיי דערנעבן
צו זיצן יעדן אָוונט, ניין? —
„א, ניין!" — איך קאָן עס נישט פֿאַרשטיין,
אט וואָס איך זע — ס'איז מיין השערה?:
צום ערשטן — זאָג, בין איך דען בלינד? —
אַן איינפֿאַך רוסישעס געזינד,
פֿיל גאַסטפֿריינטלעכקייט קיין עין הרע,
מ'גיט איינגעמאַכטס, מען שמועסט פֿיין
פֿון רעגן, בהמות און פֿון ליין"...

*

II

וואָלט עמעץ אומגליק זען דאָ קאנען?... —
„דער אומעט — אָט וואס מאכט דיך טריב”.
— איך לייד נישט אייערע סאלאָנען.
ס׳איז מיר די שטוב-געזעלשאפט ליב,
ווו כ׳קען... — „שוין ווידער די עקלאָגן!
גענוג, איך בעט דיך, שוין צו קלאָגן!
יאָ, הייסט עס, פאָרסטו? אַך, אַ שאָד;
הער, לענסקי, זאָג מיר אויס דעם סוד —
ווער איז עס יענע דאָרט, מיט וועמעס
געשטאַלט ס׳איז פול דיין קאָפ, דיין טרער,
דיין פען, דיין ריים און דיין באַגער?...
באַקען מיך” — שפאַסט? — „ניין, כ׳מיין באמת”
— עס פרייט מיך — „ווען זשע?”

•

III

מליר פאָרן״.
— יאָגן שנעל און קומען;

מען האט זיי באַלד, צו דינען גרייט,
גאַכטפריינטלעך-פרענקיש אויפגענומען
הכנסת-אורחימדיק און ברייט.

— — — — — — — — —

— — — — — — — — —

דאַן שטעלט מען אויף דעם טיש
אַ קוג מיט ברוסניק-וואסער פריש.

— — — — — — — — —

— — — — — — — — —

— — — — — — — — —

— — — — — — — —

IV

מיט קירצסטע וועגן זעט מעןביידן
אַ היים שוין פליענדיק געשווינד;
אָט לאָמיר, הערן, וואָס עס ריידן
די העלדן אונזערע אַצינד.
— נו, וואס אָנעגין? אָך, דיין געגעץ! —
„רגילות, לענסקי!" — ס'האָט קיין גרענעץ
דיין אומעט איצט, — ניין, לאָז צו רו;
זע, ס'פאלט אין פעלד די נאַכט שוין צו...
אַנדריושקע, שנעלער! פעלדער שוועבן
אַזעלכע נאַרישע! חעי טרייב!
יאָ, אגב: ווייסט, אז לאַרינס ווייב
איז גאָר אַ ווילע זקנה, כ'לעבן...
כ'האָב נור פון ברוסניק וואַסער צער,
ס'זאָל מיר נישט פּרעגגען קיין געפאָר"...

V

„טאָג, וועלכע איז עס דאָרט טאַטיאַנע?״
— די, וואס האָט טרויעריק צולעצט
אַ שווייגנדיקע, ווי סוועטלאַנע,
זיך צו דעם פענסטער דאָרט געזעצט. —
„דו ליבסט די ייִנגערע, מסתּמא?״
— איז וואס? — „ווען איך האָב דיין נשמה,
וואָלט איך די אַנדערע געליבט;
ס'איז אָלגעס פּנים קאַלט באַטריבט
אַזוי ווי דעם וואַן-דיקס מאַדאָנע:
אַ רויטער פּנים, דיק און רונד,
ווי אויף דעם נאַריש הימל-גרונט
אַציינד די נאַרישע לבנה״.
וולאַדימיר טרוקן האָט געברומט,
דערנאָך דעם גאַנצן וועג געשטומט.

*

VI

עס האט אויף אַלעמען אײנאײנעם
אַ גרויסן אײנדרוק דאָרט געמאַכט
אָנעגין דאַן; ער האט די שכנים
צעשטרויט אַ ביסל און דערוואַכט;
עס פליען גאַנצע פעק השערות,
בגנבה שיטן זיך הסברות,
מען װיצלט זיך, מען אורטײלט, רימט,
און פּאַר א חתן אים באַשטימט;
ס'האָט װער אפילו שוין באַשטעטקיט
אז ס'איז די חתונה שוין גרייט;
װייל ס'איז אין פינגערלעך אַ נויט
האָט זי דעריבער נור פאַרשפעטיקט...
פון לענסקיס חתונה איז לאַנג
געװען באַשטימט שוין (— — — —)

VII

עס פלעגט אזעלכע מעשיות הערן
טאטיאַנע מיט פאַרדרוס און ווײ —
דאָך פלעגט, נישט ווילנדיק, זי קלערן
מיט אַ געהיימער פרייד פון זײַן:
ס׳האָט אַ געדאנק איר האַרץ פאַרנומען:
עס איז איר ליבע־צייט געקומען...
אַ קערנדל, אין ערד פאַרמאַכט,
אזוי פון פרילינג ווערט דערוואַכט:
עס האָט איר דמיון גאָר פון לאַנג שוין
געברענט מיט בענקשאַפט און געוואַרט,
נאָך נאַרונג דורשטיק־ווילד געגאַרט...
ס׳איז לאַנג געווען איר האַרצן באַנג שוין,
פלעגט וואַרטן מיט פאַרקלעמטער ברוסט,
אויף וועמען — האָט זי נישט געוווּסט...

*

YIII

און זיך דערוואַרט! עס האָבן אָפּן
דערזעען די אויגן: יאָ, ס׳איז ער!
פון לאַנגע טעג און נעכט דאָס האָפן,
דער איינזאַם שלאָף, אי הייס, אי שווער. —
אַלץ פול מיט אים: איר האַרץ און מח
הערט, ווי מיט כּשופדיקן כּח
אַלץ רעדט, דערציילט איר וועגן אים;
ס׳דערעסט אַ קלאַנג פון צאַרטער שטים,
אין בליק פון דינסט נור אומעט פילט זי,
זי זינקט אין עצבות, איר דערעסט
דער פוסטער שמועס פון די געסט,
און זייער צייטפאַרטרייב פאַרשילט זי
אי זייער קומען אין-דער-מיט,
אי לאַנגן דויער פון וויזיט..

VIII

און נעמט זי איצט ראָמאַנען לעזן —
ווי אויפמערקזאם איז איר געדאַנק!
זי טרינקט מיט איר אַנטציקטן וועזן
דעם פאַלש-פאַרפירערישן בלאַנק!
פון טרוימען גליקלעכע דער כח
באַלעבט די העלדן אין איר מח,
דער ליבסטער יוליִעס — וואָלמאַר,
מאַלעק-אַדעל און דע-לינאַר,
און ווערטער — רולאָזער מאַרטירער,
דער אויסגעצייכנטער גראַנדיסאָן,
וואס ווייט אויף אונז אַ דרימל אָן, —
זיי האָבן זיך אין זעל אין אירער
באַהעפט, פארקניפט אין איין געשטאַלט, —
אין איין אָנעגינען געשטראַלט...

●

I

װערט אָפט א העלדין א געוויסע
פון איר באַליבטן ראָמאניסט,
א יוליִע, צי א קלאריסע;
זי פלעגט אין וואלד גיין נישט-אומזיסט
אָפט מיט א בוך, און זוכן דרינען:
זי פלעגט אין בוך ביי זיך געפינען
איר היץ, איר טרוים, — האט איר געדוכט —
פון איבערפולטן הארץ די פרוכט;
און לעבנדיק מיט פרעמדן זונג,
מיט פרעמדער בענקשאפט, פרעמדער וועלט —
פלעגט זי דעם יונגן ליבן העלד
א בריוול מורמלען אויסנווייניק...
נור אונזער העלד (אויב ס׳גייט אייך אָן)
איז שוין געוויס נישט גראנדיסאָן...

•

XI

א יעדער שעפער א באוווסטער
פלעגט ערנסט-וויכטיק אונז זיין העלד
פארצייטן מאָלן, אלס א מוסטער
פון פולער שלמות אין דער וועלט;
זיין ליבלינגס-העלד פלעגט, א געפלאָגטער,
אָן יושר שטענדיק א געיאָגטער,
א זעלטע האָבן פיין און שיין
און אויך א פנים פול מיט חן;
דערפילט מיט ריינסטע לוסט-באגערן,
באגייסטערט שטענדיק און דערפרייט —
פלעגט ער זיך אָפפערן זיין גרייט:
ביים סוף פון לעצטן טייל פלעגט ווערן
באשטראָפט, ווי ס'דארף צו זיין, דאס שמוץ,
און, לויט זיין ווערט, באקרוינט דאס גוטס...

XII

איצט וואָלטן מיר עס נישט פארשטאנען:
מאָראל ווייט-אָן אויף אונז א שלאָף;
די זינד איז ליב אויך אין ראָמאנען,
און דאָרט שוין הערשט זי אָן אַ סוף;
עס נעמט איצט בייראָנס מוזע ריידן
און רעגט דעם שלאָף פון יונגע מיידן;
עס איז ביי זיי איצט דער קומיר:
צי דער פאַרחלומטער וואמפיר,
מעלמאָט, דער העלד פון לומפן-יונגען,
צי אַהאַספער, צי גאר קאָרסאר,
צי דער פאַרכשופטער סבאָהאַר;
לאָרד בייראָן האט דאָך גאנץ געלונגען
פאַרהילט זאגאַר אין ראמאַנטיזם
דעם יאושדיקן עגאָיזם.

*

XIII

קיין פעולה נישט, מיין פריינט מיין טרייערן;
ס׳קאָן זיין: עס וועט, לויט גאטס באַגער,
אין מיר אריין א שד אַ נייער,
און כ׳וועל נישט זיין קיין דיכטער מער, —
כ׳פאַרהאַס דאן פעבן, און מיט העזה
דערנידריק איך זיך דאן צו פראָזע:
אויף אלטן שטייגער אַ ראָמאַן
פארנעמען וועט מיין לעבן דאן;
נישט שמערץ געהיימען פון פארברעכן
וועל איך פול אימה מאָלן אייך,
נור כ׳וועל דערציילן פראָסט און גלייך
פאמיליען-מעשיות און געשפרעכן,
פון ליבעס-טרוימען אויפן וואָר,
און מדות פיין פון אלטן דור.

XIV

כ׳גיב-איבער דאַן אין בילד אין טרייען
דעם פּאָטערס רייד, דעם פעטערס רייד,
די יונגע קינדער-שפּילערייען
ביי אלטע ליפּעס פול מיט פרייד,
פון אייפערזוכט די שווערע ליידן,
און שלום-טרערן און דאס שיידן,
און נאך א צווייטער קריגערייַ
זיי צו דער חופּה פיר איך טריי...
כ׳וועל דאַן די תאוה-רייד דערמאנען,
די ליבע-ווערטער אָן אַ צאָל,
וואס איך פלעג פליסטערן אַמאָל
ביי מיין געליבטערס פוס נור קאָנען,
וואס פלעגן קומען אויף מיין צונג.
אַמאָל... איצט בין איך מער נישט יונג...

•

XV

טאַטיאַנע! ווײ, כ׳באַווײן דײַן לעבן
מיט דיר צוזאַמען אין ראָמאַן:
האָסט שוין דײַן מזל אָפּגעגעבן
צו אַ הײַנטמאָדישן טיראַן!
וועסט אומקומען! דערווײַלע ברענט דיך
די זיסע האָפענונג נאָך און בלענדט דיך,
דו רופסט דעם צאַרטן גליק-געשפּענסט,
די לעבנס-פרײדן דו דערקענסט,
דו טרינקסט פאַרלאַנגען-סם נישט זעלטן,
און טרוימען רינגלען דיך אַרום,
און ס׳מאָלט דײַן דמיון אומעטום
פון ליבע גליקלעכע געצעלטן;
און אומעטום — אין ווײ און גליק —
שטײט דײַן פאַרפירער פאַר דײַן בליק.

•

XVI

פון ליבע-בענקשאפט אָפּט געצויגן
טאַטיאַנע גייט אין סאָד אליין,
לאזט פּלוצלונג ראש אַראָפּ די אויגן,
און פוילט זיך עפּעס ווייטער גיין:
איר ברוסט, זי הויבט זיך אומגעהייער,
ס'באַדעקט די באַקן איר אַ פייער,
ס'פארפעלט איר אָטעם און עס ברענט,
אין אויער — זשומט, אין אויגן — בלענדט...
עס קומט די נאכט; און ווי אַ שומר
גייט די לבנה אום אין רוים,
דער סאָלאוויי, פארטיפט אין טרוים,
זינגט הילכיק-ריין אין גרינס פון בוימער;
טאטיאַנע שלאָפט נישט, כאָטש ס'איז שפּעט,
און מיט איר ליבער ניאַניע רעדט:

XVII

„עס שלאפט זיך נישט! אך, ס׳אַרא ענגשאפט!
דעם פענסטער עפן, קום צו מיר".
— וואס איז דיר, טאניע? — „כ׳פיל א בענקשאפט:
אָט לאָמיר שמועסן מיט דיר".
— פון וואָס-זשע, טאַניע? איך פלעג קאָנען,
אַמאָל-אַמאָל זיך לייכט דערמאָנען
אָן מעשיות אלטע אין די נעכט,
פון מיידן, רוחות, בייז און שלעכט;
איצט איז מיר אלץ פאַרטונקלט, טאַניע:
שוין לאַנג פארגעסן — וואס געקענט;
אַ שלעכטע צייט האָט זיך דערנענט!
דערשלאָגן... — אָ דערצייל מיר, ניאַניע,
פון איי׳רע יאָרן, פון אַמאָל;
ביסטו געווען פארליבט צומאָל?"

XVIII

וואס רעדסטו, טאַניע! ס׳איז אַ חלום,
איך האָב פון ליבע נישט געהערט;
מיין שוויגער וואלט, עליה השלום,
דערפאר פאַריאָגט מיך פון דער ערד...
„דערציילזשע פון דיין חופה, ניאַניע!"
— אזוי... געווען איז יונגער וואַניע
פון מיר, און מיר איז גאָר און גאָר
געווען דאַן נור דרייצן יאר;
עס איז די שדכנטע געגאנגען
צו אונז אין הויז אַ וואָכן צוויי;
באלד בענטשט דער טאטע מיך און — ווי? —
כ׳האָב אין אַ יאָמער זיך פאַרגאַנגען;
מ׳האָט מיר צעלאזט מיין צעפל לאנג,
און — גלייך אין צערקווע מיט געזאנג.

XIX

דערנאָך די פרעמדע הויז... נור, טאַניע,
דו הערסט זיך עפּעס גאָר נישט איין... —
„אַך, ניאַניע, כ'פיל אַ בענקשאַפט, ניאַניע,
ס'איז מיר נישט גוט, אָ, ליבסטע מיין:
ס'וויל וויינען, קלאָגן מיין נשמה!"...
— מיין קינד, ביסט נישט-געזונט מסתמא;
גאָטס חסד רוען זאָל אויף דיר!
אָך, וואָס דו ווילסט נור, בעט ביי מיר...
מיט הייליק וואַסער לאָז באַשפּריצן... —
„איך בין נישט קראַנק — כ'בין נור באַטריבט;
איך... ווייסטו, ניאַניע... כ'בין פאַרליבט". —
— מיין קינד, דער בורא זאָל דיך שיצן! —
ס'האָט איר די ניאַניע נאָכאַנאַנד
געצלמט מיט דער אַלטער האַנט.

XX

„איך בין פֿאַרליבט", האָט זי אויפֿסניי איר
געמורמלט טרויעריק־באַטריבט;
— ביסט קראַנק, מיין פֿריינט, דו ברענסט ווי פֿייער; —
„אַן, לאָז מיך, לאָז — איך בין פֿאַרליבט"...
און די לבנה האָט געלאָסן
באַלויכטן מיט אַ שיין אַ בלאַסן
טאַטיאַנעס בלייכע שיינקייט זאַכט,
איר פֿריי־צעפֿלאָכט'נע לאָקן־פּראַכט,
אי אירע טרערן־טראָפֿנס ריינע,
אי אויף אַ באַנק, קוים־קוים באַוועגט,
דעם קאָפּ אַ טיכעלע פֿאַרדעקט,
אין קליידער נאַכטיקע די זקנה:
און ס'האָט געדרימלט אַלץ פֿאַרוויגט
פֿון דעם לבנה־שיין אַנטציקט.

XXI

זי זעט דעם לבנה־שיין דעם קלאָרן,
אונ שוועבט ווייט אום אין זיסן ווײ...
נור פּלוצלונג — אַ געדאַנק געבאָרן...
„אַך, לאָז מיך איבער, ניאַניע גיי;
גיב מיר די פּען, פּאַפּיר אַ בויגן,
רוק־צו דעם טיש; כ׳וועל באַלד זיך לייגן;
פֿאַרציי!״ און אָט איז זי אַליין.
ס׳איז שטיל. לבנה שימערט ריין.
טאַטיאַנע שרייבט, אַן אָנגעשפּאַרטע;
יעווגעני ליגט אין קאָפּ איר טיף,
און אין דעם נישט־באַקלערטן בריוו —
איר ליבע אָטעמט דאָרט, די צאַרטע;
און אָט דער בריוו שוין פאַרטיק ליגט...
דאָך וועמען ווערט ער עס געשיקט?

XXII

כ׳קען פרויען שטאלצע, אָן רחמנות,
אזוי ווי ווינטער — קאלט און ריין;
נישט-צוגענגלעך, און פול עקשנות, —
וואס כ׳פלעג נישט קענען זיי פאַרשטיין;
פול מיט מאָדערנע משוגעתן,
און מיט ווילטעטיקייט געלאַסן, —
כ׳בין מודה, כ׳לויף פון זיי אוועק,
כ׳לעז, דוכט זיך מיר, ביי זיי מיט שרעק
די גהיגום-אויפשריפט אויף די ברעמען:
„פארלאָז דיין האפנונג!" עס פלעגט זיין
פאר זיי די ליבע — נור אַ פיין,
און זייער תענוג — שרעקן וועמען;
זענט איר אויף נעווא-ברעג געווען —
פלעגט איר אזעלכע דאַמען זען!

XXIII

צווישן געהאָרכזאמע פֿאַרערער
פֿלעג איך אויך אַנד׳רע טרעפֿן; טויב
מיט א גלייכגילטיקייט א שווערער
פֿאַר תּאוה־זיפֿצן און פֿאַר לויב;
דאך פֿלעגן זיי מיט זייער האלטן
מיט דעם באַנעם דער שטרענגן, קאלטן
די ליבע שרעקנדיק, — אויפֿסניי
זי קאָנען צוציען געטריי,
לכל הפּחות, — מיט רחמנות,
לכל הפּחות, — זייער קול
פֿלעגט קלינגען צערטלעכער צומאָל;
און לייכט פֿאַרבלענדטער, אין סכּנות,
פֿלעגט דער געליבטער דאַן שוין פֿריי
דאס לעבן נאָכיאָגן אויפֿסניי...

XXIV

מיט וואס-זשע איז טאַטיאַנע שולדיק?
ווייל ס'האט איר האַרציקייט קיין צוים,
זי ווייס קיין פאלשקייט, און געדולדיק
גלויבט זי איר אויסדערוויילטן טרוים?
ווייל נישט-געקינסטלט איז איר ווילן,
און פאָלגט דעם דראַנג פון די געפילן,
ווייל אזוי צוטרויליך איז זי,
און איז באשענקט מיט פאנטאזי,
מיט רייכן דמיון, מיט א ווילן
און א פארשטאנד, וואס קען קיין רו,
מיט א קאפריזן קאָפּ דערצו,
און צארטע פלאמיקע געפילן?
זענט איר נישט מוחל איר אצינד
די לייכטזיניקע תאוות-זינד?...

XXV

אך, די קאָקעטקע דענקט קאַלטבלוטיק;
טאַטיאַנע אבער ליבט נישט לינד,
זי גיט זיך אָפּ געטריי און מוטיק
דער ליבע, ווי אַ ליבעס קינד;
זי זאָגט נישט: לאָמיר קעלטער ווערן,
דורכדעם דעם ליבע-פּרייז פאַרמערן,
און פאַנגען זיכערער דערנאָך;
לאָמיר מיט האָפנונג טון אַ שטאָך
דעם ערגייץ; מיט השערות שפּעטער
פאַרמידן ס'האַרץ; דאַן נאָכאַנאַנד
גליען מיט אייפערזוכטן-בראַנד
דעם כיטרען תּפוס — אַנדערש וועט ער
אין תּאווה שטענדיקער זיין גרייט
ארויסצורייסן זיך פון קייט.

•

XXVI

ב׳מוז זיך פאַר שווערער ארבעט זעצן:
כדי דעם כבוד דאָ מיין לאַנדס
צו רעטן, מוז איך איבערזעצן
טאַטיאַנעס בריוו אין פולן גלאַנץ;
זי איז באַהאַוונט שלעכט געוועזן
אין רוס; זשורנאלן נישט געלעזן,
עס פלעגט איר קאָסטן מי אסך
צו ריידן אויף דער אייג׳נער שפּראַך;
זי האָט, אלזאָ, פראנצויז געשריבן...
וואס קאָן מען טון! ס׳איז אַ פארדרוס,
נור ס׳קאָנען דאַמען פּאָרט אין רוס
נישט אויסדריקן זיך און נישט ליבן...
ס׳איז אונזער שפּראַך (נישט זייט דערשטוינט)
צו בריוו-פּראָזע נאָך נישט געוווינט!

*

XXVII

איך ווייס: מען וויל גאָר נויטן דאַמען,
צו לעזן רוס גאָר — אַ סקאנדאַל!
כ'שטעל זיך נישט פאָר אַ פרוי, צוזאַמען
מיט... מיט אַ רוסישן זשורנאַל!
כ'באַצי אויף אייך זיך, דיכטער מיינע!
נישט אמת, וואס? די ווענס פיינע,
וואס איר פלעגט שרייבן זיי צומאָל
געהיימע לידער אָן אַ צאָל,
און ווידמען זיי, דאָס האַרץ באַווייזן, —
זיי פלעגן אלע זייער שוואַך
באַזיצן דאָך די רוסיש שפראך,
און פלעגן ליב איר אָפט פאַרגרייזן,
— — — — — — — — — —

XXVII

— — — — — — — — — —
— — — — — — — — — —
— — — — — — — — — —
— — — — — — — — — —

ווי ליפּן ראָז אָן שמייכל העלן, —
כ'האָב פֿיינט די רוסיש שפּראַך, ווו ס'פעלן
גראַמאַטיק-גרייזן כאָטש אַ פּאָר!
סק'אָן זיין, דער נייער פּרויען-דור
וועט די זשורנאַלן-שטים דערהערן,
און וועט אונז צוגעוווינען גאָר
צו א גראַמאַטיק ריכטיק-קלאָר,
און ס'וועלן דאַן די לידער ווערן
אַן אומגאַנגס-זאַך; נור איך? כ'בין ווייט,
איך בלייב געטריי דער אַלטער צייט!

*

א שפּראַך, וואָס נאַכלעסיק, נישט-ריכטיק,
נישט פּינקטלעך-אויסגעדריקטע רייד, —
בלייבט שטענדיק פאַר מיין האַרצן וויכטיק,
מיין ברוסט פאַרפילנדיק מיט פרייד;
איך האָב קיין קראַפט צו אַנדערש ווערן,
כ׳וועל גאַליציזמען ליבן גערן,
ווי אַלטע יוגנט-זינד, און ווי —
ווי באָגדאַנאָוויטשס פּאָעזיי;
גענוג: כ׳בין צופיל שוין צעטראָגן;
מען דאַרף צום בריוו זיך נעמען פאָרט;
כ׳האָב צוגעזאָגט, נור — ערן-וואָרט —
איך בין שוין גרייט זיך אָפּצוזאָגן;
כ׳ווייס: נישט מאָדערן פון פאַרני
איז היינט די צאַרטע פּאָעזי.

XXX

פּאַטש פון טרויער, בין השמשות!
ווען דו וואָלסט זיין אַצינד מיט מיר,
מיט מיינע העזהיקע בקשות
וואָלט איך נישט לאָזן רוען דיר; —
וואָלסט איבערלייגן אויף געזאַנגען
מיין העלדינס פרעמדע ווערטער-קלאַנגען
פול הייסער תאוה, צאַרט און ליב;
ווו ביסטו? קום אַהער — איך גיב
דיר מיינע רעכט מיט גרוסן איבער...
נור צווישן פעלזן טרויריק-שטום,
לאַנג אָפּגעווּוינט פון ליוב און רום,
ווו פינלאַנדס הימל הענגט, א טריבער, —
דאָרט בלאָנדזשעט ער, און — ווי און וויינד —
מיין אומגליק הערט ער נישט אַצינד!

XX.I

אַט ליגט טאַטיאַנעס בריוו; איך לייען;
איך היט אים הייליק און געטריי;
ס׳נעמט אַ געהיימע בענקשאַפט ווייען,
און כ׳לייען, כ׳לייען אויפדאָסניי;
פון וואַן — פול צערטלעכקייט פארקלערטער —
די האַרציק-נאַכלעסיקע ווערטער?
די רירנד-ליבע שטותעריי,
די האַרץ-רייד, וואָגזיניק און פריי,

— — — — — — — — — —

— — — — — — — — — —

— — — — — — — — — —

— — — — — — — — — —

— — — — — — — — — —

— — — — — — — — — —

טאַטיאַנעס בריוו צו אָנעגינען

איך שרייב צו אייך — וואס דאַרף מען מערער?
וואס קאָן איך זאָגן אייך דען מער?
כ׳ווייס, מיט פאַראַכטונג מיט אַ שווערער
קאָנט איר באַשטראָפן מיין באַגער.
כאָטש איך בין אומגליקלעך, נור איר,
רחמנות פילנדיק צו מיר,
וועט צוהערן צו מיין פאַרלאַנגען!
כ׳האָב פריער שווייגן גאָר געזאָלט;
אָ, גלויבט, באמת, מיר: איר וואָלט
מיין שאַנד גאָר קיינמאָל נישט דערגאַנגען,
ווען ס׳וואָלט אַ האָפנונג נור געווען
כאָטש זעלטן, כאָטש איין מאָל אין וואָך
אין הויף צו זען אייך ווען-נישט-ווען,
כדי נור אייער רייד צו הערן,
אַ וואָרט אייך אויסריידן, דערנאָך
נור איין מחשבה קלערן, קלערן,

טאָג־נאַכט, ביז נייעם ווידערזען...
מען זאָגט, איר מיידט געזעלשאַפט אויס,
ס'איז לאַנגווייליק אייך אויפן לאַנד;
מיר... זענען נישט אינטערעסאַנט,
כאָטש גערן זעט אייך אונזער הויז;
צו וואָס, צו וואָס האָט איר געמוזט
באַזוכן אונזער הויף דעם וויסטן, —
איך וואָלט אייך דאַמאָלס נישט געוווּסט,
און נישט דעם שווערן פּיין אומזיסטן;
דער שמערץ פון אומגעאיבטער זעל,
קאָן זיין, וואָלט איינגעשטילט זיך שנעל;
ס'וואָלט זיין ביי מיר אַ מאַן אַ גוטער,
כ'וואָלט זיין אַ טרייע פרוי, אינאיינעם
מיט אַ וואָלטעטיק־ליבער מוטער...

אַ צווייטער!... ניין, כ'וואָלט קיינעם, קיינעם
נישט אָפּגעבן מיין האַרץ אויף דר'ערד!
ס'איז אַ גזור־דין פון גאָט נור איינעם...
כ'בין דיינע — ס'איז אזוי באַשערט!
ס'איז מיר באַשערט געווען צו לעבן,
אום שפּעטער זען דיך אין מיין שטוב;
איך ווייס, ס'האָט גאָט דיך מיר געגעבן,

די ביסט מיין היטער ביז דער גרוב;
די פלעגסט צו מיר אין חלום קומען,
די ביסט מיר ליב געווען, כאָטש פרעמד,
דיין צויבער-בליק האָט מיך געקלעמט,
כ'האָב אין מיין זעל דיין קול פאַרנומען
פון לאַנג... ס'איז נישט קיין טרוים געווען;
ביסט נור אריין, כ'האָב דיך דערקענט,
ס'האָט אָנגעצונדן זיך מיין וועזן,
און כ'האָב אַ טראַכט געטון: ס'איז ער!
נישט אמת, כ'האָב דיך אָפט געהערט:
פלעגסט אָפטמאָל צערטלען מיין געהער
ווען כ'האָב צו אָרמע זיך געקערט,
ווען כ'האָב פאַרזיסט מיט תפילות העלע
די בענקשאַפטס אומרו פון מיין זעלע...
אין יענער רגע אין דער שענסטער,
צי דען נישט דו פלעגסט ווי געשפּענסטער
אין טונקל דורכזיכטיקן שוועבן,
צוקאָפּנס נויגן זיך דערנעבן,
און, פול מיט ליבע און מיט פרייד,
מיר מורמלען שטילע האָפנונגס-רייד?
ווער ביסטו, זאָג: מיין מלאך וועכטער,
צי מיין פאַרפירער גאָר מיין שלעכטער?

אַנטשייד די ספקות מיינע שנעל;
ס'קאָן זיין, ס'איז אַלץ אַ פּוסטער חלום,
אַ טרוים פון אומגעניטער זעל,
און ס'איז באַשערט מיר, חס ושלום,
גאָר עפּעס אַנדערש... נור ס'זאָל זיין!
איך רייך דיר איצט מיין מזל איין,
איך וויין, איך גיס פאַר דיר מיט טרערן,
און כ'בעט דיין שוץ — זאָלסט מיך דערהערן!

אַך, שטעל זיך פאָר: כ'בין דאָ אליין,
עס קען מיך קיינער נישט פאַרשטיין,
ס'איז מיד מיין שכל שוין, און שטום
פאַרלאָזן-איינזאַם קום-איך-אום;
איך וואַרט אויף דיר; כאָטש מיט אַ בליק
באַלעב די האָפנונג צאַרט-געשפּינטע,
צי גאָר דעם שווערן טרוים צעפליק,
אָ ווײ, מיט פאָרווורפן פאַרדינטע!...
„איך ענדיק... שרעקלעך דורכצולעזן...
אַ בושה קוועלט, אַ שרעק אַ שווערע...
נור ס'איז אַן ערבות אייער ערע,
און כ'טרוי איר מוטיק אָן מיין וועזן".

XXXII

א שטילן זיפץ, אַ קרעכץ אָפּט טוט זי,
אין הענטל ציטערט דאָס פּאַפּיר;
די ראָזע מאַרקע — טרוקן רוט זי
אויף דעם צעהיצטן צונג ביי איר;
דער קאָפּ געבויגט צום שולטער ראָזן,
און לייכט האָט זיך אַראָפּגעלאָזן
פון שולטער פרעכטיקן דאָס העמד;
נור אָט פאַרלעשט זיך שוין, פאַרשעמט,
דער לבנה-שטראַל; אַ טאָל אַ בלויער
דורך נעפּלען זעט זיך שוין אין רוים;
אָט נעמט זיך זילבערן אַ שטרוים;
אַ פאַסטוך-האָרן וועקט דעם פּויער;
ס'איז שוין באַגינען; אַלץ דערוואַכט;
טאַטיאַנען אַרט עס נישט; זי טראַכט.

XXXIII

אַן זונען-אויפגאַנג גאָר פאַרגעסן
זי זיצט, דעם קאָפּ געזונקען טיף,
און איילט זיך גאָרנישט אָנצופרעסן
דעם שטעמפּל אירן אויפן בריוו;
די טיר מאַכט-אויף זיך: מיט הכנעה
קומט-אַן פּיליפּיעוונע די גראָע,
און טראָגט איר טיי שוין אויפן טאַץ.
— שוין צייט, מיין קינד, שטיי-אויף, מיין שאַץ!
נור דו ביסט שוין פון בעט אַרונטער!
מיין פריער פויגעלע, מיין פראַכט!
כ׳האָב זיך אזוי געשרעקט פאַר נאַכט!
ביסט, גאָט צו דאַנק, געזונט און מונטער!
נישטאָ קיין שפּור גאָר פון דער נאַכט,
דיין פּנים לויכט ווי מאָן — אַ פּראַכט!...

XXXIV

אַך, ניאַניע, טו אַ טובה"... — כ'קאָן עס...
גוט, ליבע, טייערע, באַפעל! —
„נישט קלער... אַ חשד... בנאמנות...
נור זעסטו... זאָג נישט אָפּ... אַך שנעל"...
— מיין פריינט, איך שווער ביי גאָט... זיי זיכער... —
„טאָ שיק דיין אייניקל וואָס גיכער
אַ צעטל אָפּטראָגן צו אָ...
צו יענעם, ווייסט... צום שכן... דאָ...
נור זאָל ער אים קיין וואָרט נישט זאָגן,
נישט אָנרופן מיין נאָמען גאָר"...
— צו וועמען-זשע, דערקלער מיר קלאָר?
כ'בין עובר-בטול שוין... צו טראגן...
אַסך דאָ שכנים — יענער, דער, —
ס'איז אַלע איבערציילן שווער...

XXXV

„דו שטויסט זיך גאָר נישט אָן, אַך ניאַניע!"
— מיין האַרציק פריינט, צו־אַלט בין איך,
עס ווערט שוין טעמפּ מיין שכל, טאַניע,
כ'פלעג אַלץ באַגרייפן שאַרף און גיך...
ווי פלעג איך דאַן דעם „באַרין" דינען... —
„אַך, ניאַניע! ס'ליגט מיר נישט אין זינען!
וואָס טויג דיין שכל, דיין באַגריף?
ס'איז צו אָנעגינען אַ בריוו"...
— דאָס איז אַן ענין... נור אָן צאָרן...
נישט זיי אין כּעס, מיין האַרץ, מיין טרייסט...
ס'איז טעמפּ מיין שכל דאָך... דו ווייסט...
וואָס ביסטו ווידער בלאַס געוואָרן?... —
„אַזוי זיך, ניאַניע", — — — — — —
— — — — — — — — — — —

XXXVI

צווײ טעג אַוועק זענען אין זאָרגן,
קײן ענטפער איז נאָך נישט געווען;
בלײך, אָנגעטון נאָך פון פרימאָרגן,
טאַטיאַנע וואַרט! ווען קומט ער, ווען?
געקומען אַלגעס איז פאַרערער.
„וואס זעט מען אײער פרײנט נישט מערער?"
די באַלעבאָסטע פרעגט אים באַנג:
„ער האָט פאַרגעסן אונז שוין לאַנג".
ס'פלאַמט-אויף טאַטיאַנע, ציטערט פײנלעך;
— ר'האָט צוגעזאָגט צו זײן דאָ הײנט, —
געענטפערט האָט אָנעגינס פרײנט,
— די פּאָסט פאַרהאַלטן האָט וואַרשײנלעך. —
טאַטיאַנע לאָזט איר בליק צו דר'ערד —
ווי זי וואָלט פאָרוואורפן געהערט.

XXXVII

ס׳איז בין-השמשות. ס׳גלאַנצט א נייער,
אין זידט, דער אָוונט-סאַמאָוואר,
דער טשייניק וואַרמט זיך אין פייער
פון אונטן קנוילט אַ לייכטער פּאַר;
דער טיי דער דופּטיקער געפלאָסן
האָט אין די גלעזער שוין צעגאָסן
פון אָלגעס ציטעריקער האַנט;
עס האָט געבראכט א יינגל שמאַנט;
ביים פענסטער טאַניע איז געשטאנען;
ס׳האָט מיין פאַרחלומט-שטילע טויב
געטאָעמט אויף דער קאַלטער שויב;
און ס׳האָט דער פינגער פון טאַטיאנען
אויף נעבל-שויבן דאָרט און דאָ
געמאָלט דעם וועגזל „ע״ און „אָ״.

XXXVIII

געהאלטן האָט איר זעל אין גאָגן,
מיט טרערן פול איר מידער בליק;
שאַ, ס'קילט איר בלוט! פון פערד אַ יאָגן...
אַלץ נענטער... און אין אויגנבליק —
יעוועגעני! „אך!" זי טוט געשווינטער
אַ שפרונג אין פירהויז, דאָרט אַ הינטער
אין הויף, פון דאָרט אין סאָד; זי פליט;
צוריק אַ קוק טון וואַגט זי ניט;
אין איין מינוט אַדורכגעקראָכן
די בערגלעך, בריקלעך דאָרט, — און באַלד
פאַרביי דער סאַזעווקע, דעם וואַלד,
די יונגע קוסטעס בעז צעבראָכן,
דורך בלומען צו דעם שטראָמען-בלאַנק,
און, אָן אַן אָטעם, אויפן באַנק
געפאַלן...

XXXIX

„דאָ! דאָ איז מיין ליבער!
מיין גאָט! ווער ווייס, וואָס ר׳האָט געטראַכט!"
אין האַרץ ביי איר, פול פיין און פיבער,
אַ האָפנונגס-חלום טונקל וואַכט;
זי ציטערט, ברענט, זי טראַכט נישט, קלערט נישט,
זי וואָרט — צי גייט ער? נור זי הערט נישט;
עס קלייבן דינסטן אויפן בייט
אין קוסטעס — וויינפּערלעך, באַגלייט
די אַרבעט — לויט באַפעל — מיט זינגען;
דער טעם פון צוואַנג-ליד איז: עס זאָל
דאָס כיטרע מיילכעלע צומאָל
דעם פּריצס וויינפּערלעך נישט שלינגען.

❁

דאָס ליד פון די מיידן

מיידעלעך איר שיינינקע,
 חארצעלעך און קרוינעלעך,
העי, צעשפּילט זיך, מיידעלעך,
און צעהוליעט, ליבענקע!
ציט-פאַרציט אַ לידעלע.
אונזער טייער לידעלע
און פאַרלאָקט דעם יונג אהערן
צו דעם קאַראַהאָד אהער;
ווי איר וועט נור לאָקן אים,
פון דער ווייט באַמערקן אים, —
שנעל צעלויפט זיך, ליבינקע,
און פאַרוואַרפט מיט קאַרשעלעך,
קאַרשעלעך און מאַלינעס,
און מיט רויטע ווײַנפּערלעך.
אונטערהאָרכן זאָלסטו נישט
אונזער טייער לידעלע,
אונטערקוקן זאָלסטו נישט
אונזער שפּיל דעם מיידלשן!"

XL

זיי זינגען; דאָך זי הערט נישט גערן
דעם ריינעם חילכנדיקן קול,
זי ווארט מיט אומגעדולד, אז ווערן
איר הארץ זאָל איינגעשטילט אמאָל,
פון באַקן שווינדן זאָל דער פייער;
די ברוסט דאָך ציטערט אומגעהייער,
די באַקן ברענען נאָכאנאנד,
און ס'ווערט אַלץ העלער זייער בראנד;
פונקט ווי א שמעטערלינג, געפאנגען,
פון שילער שטיפערשע געכאפט,
מיט בונטע פליגל צאפלט, קלאפט;
ווי ס'ציטערט אָפט א האָז אין זאנגען,
ווען ער דערזעט, אז ערגעץ-ווו
דער יעגער פאלט אין קוסטעס צו...

*

XLI

האָט אפגעזיפצט און אויפגעשטאנען
פון באנק; זי גייט אזוי אוועק
צו דער אלעי — און פאר טאטיאנען
דערשיינט אָנעגין אויפן וועג
מיט בליקן שטראלנדיק-געהיימע,
גלייך ווי א שאָטן פול מיט אימה,
און ווי פון פייער אָפגעבריט
האט זי פארהאלטן אירע טריט;
נור וואס געשען איז דאן מיטביידן —
דאס איבערגעבן, ליבע פריינט,
האב איך קיין כח שוין נישט היינט;
כ'דארף אפרוען נאָך לאנגן ריידן,
אדורכשפאצירן זיך געוויס;
כ'פארענדיק שפעטער ווי-עס-איז.

פערטער פרק

I

אין יוגנט פלעגט מיט מיר באפעלן
דער פּרעכטיק-כיטרער, שוואכער מין;
אלס א געזעץ פלעג איך מיר שטעלן
נור זייער ווילקיר, זייער דין;
מיין זעל פלעגט ערשט צעפלאמען, שיינען,
ס'פלעגט דאן די פרוי דעם הארץ דערשיינען
אלס ריינע געטין, העכסטער ציל;
באשענקט מיט שכל און געפיל,
האָט זי געשטראלט אין פולער שלמות;
כ'פלעג אויסגיין אין דער שטיל פאר איר,
איר ליבע איז געווען פאר מיר
אן אומדערגרייכבאר גליק געהיימעס:

ם

דאָ פֿלעג איך זי מיט פּעס פֿאַראַכטן,
און וויינען, ציטערן, פֿאַרשקלאַפֿט;
אין בענקשאַפֿט, שרעק פֿלעגט זי זיך דאַכטן
מיר אַלס געהיימע בייזע קראַפֿט;
די בליקן, וועלכע דרינגען, שטעכן,
איר שמייכל, שטים און די געשפּרעכן —
אַלץ, אַלץ האָט סם אין זיך געהאַט,
און אָנגעזויגן מיט פֿאַרראַט,
זי פֿלעגט נור טרערן, זיפֿצן מאָנען,
און פֿלעגט זיך נערן מיט מיין בלוט...
דאָ ווי דער מאַרמאָר, וואָס געררוט
אַמאָל האָט פֿאַר פּיגמאַליאָנען,
דערווייל נאָך שווייגנדיק און קאַלט,
נור באַלד באַלעבט און הייס-צעשטראַלט.

*

III

— — — — — — — — — —
— — — — — — — — — —
— — — — — — — — — —
— — — — — — — — — —
נור איינע איז פון זיי געווען, —
ס׳פלעגט לאַנג אַנטציקן מיך איר ווען...
איר פרעגט, צי כ׳בין געליבט געווען?
אויף לאַנג, פון וועמען-זשע און ווען?
צו וואָס! נישט דאָס איז גאָר דער עיקר!
וואס ס׳איז געווען — דאָס איז שוין ווייט;
דער עיקר איז: פון יענער צייט
איז אין מיין האַרץ אַ קאלטקייט ניפר;
עס איז פאַר ליבע שוין פארמאכט,
דאָרט הערשט די פוסטקייט און די נאַכט.

*

IY

— — — — — — — — — —
— — — — — — — — — —
— — — — — — — — — —
— — — — — — — — — —

די אייגנטימלעכע התלהבות
געפעלט זיי שטארק, און אונזרע תאוות;
פון אונזער זייט — איך מיין אויף וואָר —
זענען מיר לעכערלעך ביז גאָר;
פאַרשקלאַפט, אומפאָרזיכטיק געפאַנגען, —
אויף זייער ליבע ווארטן מיר,
אין וואַנזין רופן מיר צו איר, —
גלייך ווי מען וואלט געקאָנט פאַרלאַנגען
פון שמעטערלינג און ליליע־שטאַנג
געפילן־טיף און תאוה־דראַנג!...

אָך, ווען מען ווערט נישט נמאס לייגן,
זיך ווידערהאָלן יאָר נאָך יאָר,
זיך מיען ערנסט איבערצייגן
אין דעם, וואס אַלע ווייסן קלאָר;
— — — — — — — — — —
— — — — — — — — — —
וואס זיינען גאָר נישטאָ אין וואָר
ביי מיידעלעך פון דרייצן יאָר!
אָך, ווען מען מידט נישט-איין דאס דראָען,
געבעטן, שבועות, כלומרשט שרעק,
און בריוולעך — לאנגע, אָן אַן עק,
באַטרוג, רכילות, טרערן, פרויען,
השגחה מאמעשיס, און דאן
די שווערע פריינטשאפט פון א מאַן!...

V. VI. VII.

וואס ווינציקער מיר ליבן, שעצן,
געפינט די פרוי אין אונז מער פראכט —
און אין פארפירערישע נעצן
ווערט זי אלץ גיכער אומגעבראכט;
דער גלייכגילטיקער זנות דער קאלטער —
פון ליבע-לערע תמיד האלט ער.
ס'טרומייטערט, ס'פויקט פון זיך דער זנות,
ער ווייס קיין ליבע, נור גענוס;
נור אָט דאָס וויכטיק-ערנסט שפאסן
פאסט פאר די אלטע מאלפעס נאָר
פון וויל-געבענטשטן זיידנס דור:
פארוועלקט דער רום שוין פון לאָוולאסן,
מיטן רום פון רויטן שוך-קאַבלוק
און מאַיעסטעטישן פּאַרוק!...

●

IX.

אזוי פלעגט מיין יעוועגני קלערן;
ער איז געווען אין לעבנס־מאַי
אַ קרבן פון די שטורם־באַגערן,
פון תאוות אומגעצוימט און פריי;
שוין לאַנג צעבלאַזעוועט פון לעבן,
דאָ—טיף באַצויבערט, און דערנעבן —
אַנטוישט און אומעטיק און באַנג;
געפלאָגט פון לאַנגזאַמען פאַרלאַנג,
פון ווינט־ערפאָלגן פוסטע גליקן,
— — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — —
דעם געניץ מיט געלעכטער שטיקן,
— — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — —

*

I

ער פלעגט נישט ליבן שוין צום מייסטן,
ר'האָט נור זיך ווי עס איז געשלעפט
אַן אָפּזאָג — פלעגט ער באַלד זיך טרייסטן,
פאַרראַט — האָט ער צו רו געשטרעבט;
ער פלעגט זיי זוכן אָן געגנוסן,
און פלעגט זיי וואַרפן אָן פאַרדרוסן,
ווי נישט-געליבט און נישט-געהאַסט;
אַזוי אַ גלייכגילטיקער גאַסט
אין אָוונט קומט אין „וויסט” צו שפּילן;
אָט ענדיקט זיך דאָס שפּיל, אַן עק,
ער פאָרט צוריק אין שטוב אַוועק,
ס'נעמט רויק אים אַ שלאָף פאַרהילן;
און אין דער פרי — נאָך נישט באַטראַכט
וווּ וועט ער פאָרן אויף דער נאַכט.

XI

ס'האט טאַניעס בריוו נישט אויף קאַטאָוועס
געמאכט זיין האַרץ אויפּסנייי אים וואַך;
און ס'האָט דערוועקט אין אים מחשבות;
פון טרוימען מיידלשע די שפּראַך;
ס'האָט זיך דערמאָנט פון טאַניען ליבער
דער בלאַסער פנים און דער טריבער;
און אין אַ חלום זיס און העל
איז באַלד פארזונקען טיף זיין זעל;
די אלטע היץ פון די געפילן
האט אים באהערשן דאַן געזאָלט;
נור ער האָט נאַרן נישט געוואָלט
דעם צוטרוי אומשולדיקן שטילן...
איצט פליט-אַדורך אין גאָרטן-צעלט,
ווו טאַניע טרעפט זיך מיט מיין העלד.

XII

דיי זיינען שטומע שטיין געבליבן;
דערנאָך גייט־צו אָנעגין נאָנט
און זאָגט: איר האָט צו מיר געשריבן,
נישט לייקנט־אָפּ; איך האָב דערקאָנט
דאָס צוטרוילעכע זעל־דערקלערן,
פון אומשולד־ליבע די באַגערן;
ס'האָט אייער האַרציקייט פיל פּראַכט,
זי האָט אין אויפרעגונג געבראכט
שוין לאַנג אַנטשוויגענע געפילן;
איך וויל אצינד נישט לויבן אייך,
איך וועל פאַר איר באַצאָלן רייך

— — — — — — — — — —
— — — — — — — — — —
— — — — — — — — — —

XIII

ווען כ'וואָלט באַגרעניצן צו קלערן
מיט דעם פאַמיליען-קרייז מיין וועלט;
און ווען אַ מאַן, אַ פאָטער ווערן
וואָלט מיר מיין גורל ווען באַפעלט —
ווען ס'וואָלטן די פאַמיליען-גליקן
כאָטש אויף אַ רגע מיך אנטציקן,
וואָלט איך חוץ אייך דאָן, ווי מיר דוכט,
קיין אנדער כלה נישט געזוכט;
אָן פליטערלעך, אָן מליצה-בלומען;
אַלס אידעאַל פון לעבנס-וועג
אין מיינע טרויעריקע טעג
וואָלט אַלס פריינדין אייך גענומען,
— — — — — — — — — —
— — — — — — — — — —
— — — — — — — — — —

XIV

כ׳בין נישט באשאַפן גאָר פאַר גליקן, —
עס איז פאַר זיי מיין זעל פאַרמאַכט;
אומזיסט די שלמות און אַנטציקן —
איך בין נישט ווערט גאָר אייער פראַכט;
אָ, גלויבט, (אַן ערבות — מיין געוויסן!)
די הייראַט ברענגט אונז שמערץ געוויסן;
ווי שטאַרק כ׳וואָלט נישט געליבט, ווי הייס, —
איר וואָלט מיר נמאָס ווערן, כ׳ווייס;
די טרערן אײַערע וועלן לאָזן
מיין האַרץ גאַנץ קאַלט און אומבאַוועגט;
זיי וואָלטן נור צעפּעסט צערעגט;
טאָ, אורטיילט זעלבסט איצט, וועלכע ראָזן
ס׳וועט אָנגרייטן אונז הימענעי,
קאָן זיין, אויף לאַנגער יאָרן-ריי!

XV

קאָן ערגער זיין, ווען — היינט ווי נעכטן —
בענקט שווער דאָס אָרמע ווייב און שמאַכטע
נאָכן אומווירדיקן מאַן און שלעכטן,
אַן איינזאַמע סיי טאָג, סיי נאַכט;
בשעת דער מאַן אין גרויען אומעט,
זיין מזל שילטנדיק, גייט אומעט
מיט זיין פאַרברוגזטער געשטאַלט,
אי בייז, אי אייפערזיכטיק־קאַלט;
אַזאַ בין איך; און האָט איר ליבן
אָט דאָס מיט הייסער זעל געגאַרט,
ווען איר האָט אזוי האַרציק־צאַרט
און אַזוי קלוג צו מיר געשריבן?
צי דען אַזאַ גאָר גורל ווערט
פון שטרענגן מזל אייך באַשערט?

XVI

אָך, טרוים און צייט — דאָס קערט-נישט ווידער;

— — — — — — — — — — — —

איך האָב אייך ליב, ווי ס'ליבן ברידער,
און אפשר צערטליכער פון זיי;
אַך, הערט מיך אויס אָן כעס, אָן צאָרן:
דאָס מיידל טוישט אין אירע יאָרן
נישט איינמאָל אום אַ טרוים אויף טרוים;
אַזוי איז אויכעט מיט דעם בוים:
בייט יעדן פרילינג זיינע בלעטער;
ס'איז שוין באַשערט פון אַלטע יאָר;
איר ווערט אויפסניי נאָך ליבן, נאָר...
נאָר זיך באַהערשן זאָלט איר שפּעטער!
ס'פאַרשטייט אייך קיינער נישט, ווי איך;
די אומגעניטקייט נאַרט זיך גיך"...

XVII

אזוי האָט ער געפּרעדיקט; ס'האָט אים
קיין זאַך נישט זעענדיק, פּאַרקלערט,
[— — —] אָן אַן אָטעם,
האָט שטיל טאַטיאַנע אים געהערט;
ער האָט דערלאַנגט זיין האַנט מיט ליבע,
און, אויטאָמאַטיש, האָט, אַ טריבע,
אויף איר זיך טאַניע אָנגעשפּאַרט;
געבויגט דאָס קעפּל מיד און צאַרט,
גייט זי אַהיים און כאָטש אַפילו
אַהינצו קומען זיי ביינאַנד, —
נאָר קיינער מוסרט; אויפן לאַנד
די פרייהייט דאָרפישע, די שטילע,
האָט זיך איר גליקלעך רעכט, ווי ס'האָט
איר רעכט די שטאָלצע מאָסקווי-שטאָט.

❀

XVIII

זיי מסכים זשע, אַ לעזער ליבער,
אַז ס'האָט באַנומען זיך מיין העלד
גאַנץ פיין מיט טאַניען מיט דער טריבער;
נישט ס'ערשטע מאָל האָט ער דער וועלט
אַנטפּלעקט זיין איידלע זעל גערעכטע;
כאָטש ס'פּלעגן אים די מענטשן שלעכטע
נישט שוינען גאָר און האָבן פיינט:
אי זיינע פיינט, אי זיינע פריינט
[— — — — — — — — — —]
האָבן געשמוצט אים און געקוועלט.
ס'האָט יעדער שונאים אין דער וועלט,
נאָר, גאָט, באַשיץ אונז פון די פריינט,
אָך מיינע פריינט, אָך מיינע פריינט!
כ'האָב נישט-אומזיסט דערמאָנט זיי היינט!

XIX

וואָס איז? ניין, כ'שלעפּער-איין צו ביסלעך
די פּוסטע שוואַרצע טרוימען דאָ;
כ'באַמערק דאָ נאָר אין גענזענפּיסלעך,
אַז קיין רכילות איז נישטאָ,
וואָס אויפן בוידעם ווערט געבוירן,
און פון סאַלאָן געבענטשט געוואָרן;
אַז ס'איז נישטאָ קיין שטותעריי,
קיין עפּיגראַמען-זידלעריי,
וואָס אייער פריינט זאָל עס פאַרוואַנדערט
אין קרייז פון אָנשטענדיקע לייט
אָן כעס און מיין, פון צייט צו צייט,
עס ווידערהאָלן אַמאָל הונדערט;
דאָך איז ער אייזן-שטאָל פאַר אייך:
ער ליבט אייך... נו, צו קרובים גלייך!

❀

XX.

הם! הם! צי זענען, לעזער פיינער,
די קרובים אייערע געזונט?...
ערלויבט: ס'איז מעגלעך, לעזער מיינער,
אירווילט דערוויסן זיך אצינד
וואָס הייסט עס קרובים, נעמלעך וועלכע?
אַך, קרובים זענען עס אזעלכע:
מיר מוזן אָן באַטריגעריי
זיי צערטלען, ליבן, שעצן טריי;
און מיט דעם פאָלקס-מנהג פאַרבונדן,
באַזוכן זיי אין ווייַנאַכט-פראָסט,
צו גראַטולירן זיי דורך פאָסט, —
כדי דעם גאַנצן יאָר דעם רונדן
מיר זאָלן זיי נישט אַרן גאָר...
אַלזאָ, גיב גאָט זיי לאַנגע יאָר!

*

XXI

עס איז די צאַרטע פרויען-ליבע
פון פריינטשאַפט זיכערער דערפאַר:
דאָס רעכט אויף איר צעשטערט קיין סיבה,
קיין ווילדער שטורעם און קיין צער;
אַודאי: נאָר דער מאָדע-וויכער,
נאָר דער נאַטור-קאַפּריז דער גיכער,
און פון דער וועלט-מיינונג דער טייך...
דער ליבער מין צום סוף איז גלייך...
דעם מאַנס פאַרלאַנגען און זיין דעה
אַ ווילטעטיק ווייב געטריי
מוז תמיד אַכפּערן דערביי;
ס'ווערט אונזער פריינדין, אונזער פּעע
גאַנץ לייכט פאַרליבט און שנעל פאַרפירט:
אַ שפּאַס פון שטן — איז דער פלירט...

XXI

טאָ וועמען ליבן? וועמען הערן?
אין וועמען פרעמד איז דער פּאָרטראַט?
און ווער אויף אונזער מאָס מעסט גערן
אַיעדן וואָרט, אַיעדן טהאַט?
ווער שפּרייט אויף אונז נישט קיין רכילות?
ווער צערטלט אונז מיט ליבע-תּפילות?
וועמ' אונזער פעלער איז נישט שווער?
ווער וועט נישט נמאס ווערן, ווער?
אומזיסטער זוכער פון געשפּענסטער,
פאַרשווענד קיין מי; דו דאַרפסט פאַרשטיין
צו ליבן מער נישט זיך אַליין.
געשעצטע לעזער! ס'איז דער שענסטער
דער ווירדיקסטער און העכסטער העלד:
נישטאָ קיין ליבערס אין דער וועלט!...

XXIII

דאָס איז לסוף געשען מיט ביידן,
אָ, ווי צו טרעפן איז נישט שווער!
דער ליבעס וואַנזיניקע ליידן
פלעגן צו רעגן מער און מער
די יונגע זעל, די טרויערפולע;
עס ברענט טאַטיאַנע אָן שום פעולה
אין יאוש־ליידנשאַפט, און ליידט;
דער שטילער שלאָף איר בעטל מיידט;
געזונט און לעבן און די פריידן,
דער שמייכל, מיידל־רו — ס'איז לאַנג
פאַרשוווּנדן ווי אַ פוסטער קלאַנג,
טאַטיאַנעס יוגנט לעשט אין ליידן; —
דער שטורעם־שאָטן שוואַרץ באַהערשט
אַזוי דעם טאָג, וואָס וועקט זיך ערשט.

XXIV

אַ, וויי! טאַטיאַנע וועלקס אין קלעמען,
ווערט בלייכער, לעשט, און שווייגט דאָך שטום!
עס קאָן קיין זאַך איר נישט פאַרנעמען,
עס רירט איר זעל קיין זאַך אַרום;
עס שאָקלען מיט די קעפ די שכנים,
און מורמלען צווישן זיך אײנײנעם:
„שוין צייט צו נעמען איר אַ מאַן!"
נאָר — זאָל געבוג שוין זיין. עד כאַן.
איך דאַרף דעם דמיון אייך...
דאָ מיט אַ גליקלעך ליבע־בילד...
נישט ווילנדיק, דאָך קלעמט מיך ווילד.
[— — — — — — — — —]
פאַרגיב, אַ לעזער מיר, פאַרגיב!
איך האָב אַזוי מיין טאַניען ליב!...

*

XXV

װלאַדימיר װערט אַנטציקט, פול בענקשאַפט,
פון אָלגעס פראַכט אַלץ מער און מער;
דער זיסער גליקלעכער געפײנגשאַפט
זײן זעל האָט אָפּגעגעבן ער;
צוזאַמען תּמיד נאָר זײ גײען;
און טונקל זיצן זײ אין צװײען,
אין סאָד באַגינען, האַנט אין האַנט,
גאַנץ אָפּט שפּאַצירן זײ באַנאַנד;
און װאָס? פון ליבע-גליק באַטרונקען
אין צאַרטער בושה [— —]
װאַגט ער צומאָל [— —]
[— — — — — — — — —]
זיך מיט א לאָק צו שפּילן קוים,
צו קושן שטיל דעם קלײדער-זױם.

❀

XXVI

אָפט לייענט איר דער האַרץ-פאַרטרויטער
א מוסר-השכּלשן ראָמאַן,
אין וועלכן ס'קען נאַטור דער אויטאָר
נאָך בּעסער, ווי שאַטאָבּריאַן;
און, אַגב אורחא, צוויי-דריי זייטן
(פול בּבא-מעשׂיות, שטות פאַרשייטן
פאַר מיידן-הערצער — א געפאַר)
פאַרשעמט, אָפּט היפּט ער דורך דערפאַר;
(— — — — — — — — —)
זיי זעצן אָפּטמאָל זיך צום שאָך
געלענט אָן טישל; און דערנאָך
פאַרטראַכטן זיי זיך טיף בּיים שפּילן;
און לענסקי נעמט צעשטרייט אין שאָך
מיט א סאָלדאַט זיין אייגן ראָך...

XXVII

ער פֿאָרט אַהיים — דאָך מיט איר גאָמען
איז פֿול זיין וועזן יעדער צייט;
די לופּט'קע בלעטלעך פֿון אַלבאָמען
דאָרט צירט ער פֿלייסיק ביי דער זייט:
ער פּלעגט לאַנדשאַפֿטן, בערגער, טאָלן,
מצבות, ווענוס' טעמפּל מאָלן;
אויף לירעס — טייבלעך, ווען־בישט־ווען
מיט פֿאַרבן קוים און מיט דער פּען;
אָפֿט אויף די בלעטלעך פֿון זכרונות
ביי פֿרעמדע לידער אומגעריכט,
פֿלעגט אָנשרייבן אַ צאַרט געדיכט,
אַ שטומער דענקמאָל פֿון רעיונות,
אַ שפּור אַ לייכטער פֿון געדאַנק,
וואָס בלייבט דער זעלבער יאָרן־לאַנג

❀

XXVIII

געוויס האָט איר פּראָווינציעלע
אַלבאָמען מיידלשע געזען;
צומעקט פון פריינדינס (נישט קיין פּלא!)
ביים סוף און אָנהויב מיט דער פּען...
די דקדוק־כּללים אויף צו להכעיס,
אָן משקל לידער, — פול מיט ברכות, —
פאַרשרייבן אָפּטמאָל פריינט אַהער,
פאַרקירצט, פאַרליינגערט — לויט באַגער;
באַלד אויפן ערשטן בלעטל זעסטו:
„Qu' écrirez-Vous sur ces tablettes?”
אָן אונטערשריפט: t. á. v. Annette
און אויפן לעצטן זייטל לעזסטו:
„פילט עמיץ ליבע מער צו דיר —
דער שרייבט ווייטער זאָל פון מיר”...

XXIX

אויך קענט איר בלימלעך זען דערינען,
א פּאַקל און צוויי הערצער רויט;
איר וועט אַ שבועה דאָרט געפינען
צו ליבן ביז דעם סאַמע טויט...
דאָרט קנאַקט-אַריין ווי אויף אַ בלעטל
זיין שיר אַ זעלנער אַ פּאָעטל;
אָט אין אַזאַ אַלבאָם מיט פרייד
אויך איך בין אָטט צו שרייבן גרייט:
כ'בין איבערצייגט מיט זעל און שכל —
מיין יעדער פליסיקער אַנטיק
פאַרדינט אַ לייטזעליקן בליק;
דערנאָך וועט מען מיט ביזן שמייכל
נישט אורטיילן [— — — — —
— — — — — — — — —]

*

XXX

באָר איר צעזייט-צעשפּרייטע טאָמען
פון שד׳ישער ביבליאָטעק;
איר רייכע פּרעכטיקע אַלבאָמען,
דעם דיכטערס פּיין, דעם דיכטערס שרעק, —
באַצירטע קונציק פון אַ גאון
מיט צויבער-פּענזל פון טאָלסטאָיען,
צי גאָר מיט באַראַטינסקיס פּען, —
גאָטס דונער טרעפן זאָל אייך ווען!
בשעת אַ רייך-סאַלאָננע דאַמע
דערלאַנגט מיר אָפּטמאָל איר אַלבאָם —
נעמט מיך אַדורך פון כעס אַ שטראָם,
און ס׳וועקט זיך שוין אַן עפּיגראַמע
אין טיפער זעל ביי מיר מיט גאַל —
גאָר דו... דו שרייב אַ מאַדריגאַל!...

XXXI

באַר לענסקי שרייבט קיין מאַדריגאַלן
דער יונגער אָלגען מיט אַ ברען:
אַך, נישט מיט קאַלטע וויצן־שטראַלן, —
מיט ליבע אָטעמט עס זיין פען;
אַלץ, וואָס ער פלעגט נאָר זען און הערן
פון אָלגען — פלעגט׳ס פאַרשריבן ווערן:
מיט לעבעדיקן אמת רייך
שטראָמט פלייסיק זיין עלעגיען־טייך;
ווי דו, יאַזיקאָוו, פול מיט פייער,
אין האַרצנס שטורעמדיקן דראַנג
באַזינגסטו ווען אין געזאַנג, —
און די עלעגיען, ליב און טייער,
זיי שטעלן דיר דעם ספור פאָר
פון מזל דיינעם, פון דיין וואָר!...

*

XXXII

באַר הערסט! ס'הייסט די קריטיק אינגאַנצן
מיר זאָלן ווערן שוין באַפרייט
פון אָרעמע עלעגיען־קראַנצן,
און אונז, דער חברה דיכטער שרייט!
„גענוג, גענוג, הערט־אויף צו קלאָגן,
דאָס זעלבע זינגען אַלץ און זאָגן,
נאָך עבר בענקען, נאָך אַמאָל:
גענוג, – הויבט אָן אַ נייעם קול!“
– יאָ, יאָ, אַלס מוסטער ווילט איר שטעלן:
טרומייט און מאַסקע און קינזשאַל,
און פון געדאַנק דעם טויטן שלל
ווערט איר אונז אויפלעבן באַפעלן;
וואָס, נישט אַזוי? – ניין, ס'איז איצט צייט
צו שרייבן אָדעס, ליבע לייט!

XXXIII

„לויט די פּאַרצייטיק-אַלטע מאָדעס,
ווי מ׳שרייבט פון לאַנגע יאָרן אָן...
— ווי, מער נישט פייערלעכע אָדעס?
וואָס רעדסטו, ליבער פריינט! דערמאָן,
וואָס ס׳האָט געזאָגט אונז דער סאַטיריק!
— דער פרעמדער שיטהס כיטרער ליריק
קאָן דען געפעלן בעסער דיר
פון אונזער גרויען דיכטערס שיר?
ווי נישטיק דער עלעגיעס ציל:
ווי פּוסט און נעבעכדיק און קליין!
דאָך איז דער אָדעס ציל ווי שיין,
פול מיט דערהאַבענע געפילן! —
דאָס איז אַ סכסוך—ס׳איז נישט קלאָר;
נאָר כ׳וויל נישט קריגן דור מיט דור...

XXXIV

דער פרייהייטס, רומס פּאַרערער אימער,
פול שטורם-געדאַנקען אַלערליי, —
געשריבן אָדעס וואָלט וולאַדימיר,
נאָר ס'פּלעגט נישט לעזן אָלגע זיי:
צי פלעגן טרויער-דיכטער לעזן
צומאָל פאַר דעם געליבטן וועזן
די לידער? ס'איז די שענסטע קרוין,
ס'איז אין דער וועלט דער העכסטער לוין!
ווייל דעם געליבטן, וואָס די לידער
די טרוימען זיינע לעזט ער באַנג
איר — דעם אָביעקט פון ליב און קלאַנג,
דער שיינער יונגפרוי צערטלעך-מידער!
ווייל דעם... כאָטש, מעגלעך, אויפן וואָר
קלערט זי פון עפּעס אַנדערש גאָר...

*

XXXV

די פרוכט פון מיינע טרוימען-שעהן,
פון מיין הארמאָנישן געדאנק —
פלעג איך נאָר טאַר מיין ביאָניען טרויען,
וואָס איז מיין יוגנט-פריינדין לאַנג!
און ווערט נאָך מיטאָג ווער פארקראָכן
צו מיר, באלד כאפ איך ביי מיין שכן
די פאָלע, און איך שטיק צום וואנט
מיט מיין טראַגעדיע נאָכאנאנד...
צי (כ'מיין גאנץ ערנסט דאָס, אודאי)
פון ביינקשאפט, גראַמען אָפט געפלאָגט, —
האָב איך ביים סאזעוקע צעיאָגט
נישט איינמאָל שוין א קאטשקעס-סטאַדע...

— — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — —

*

XXXVI

עס זוכט מיין בליק זיי אינדערוויטן...
אַ יעגער גנבעט זיך ביים וואַלד,
שילט פּאָעזי, און פייפט צו צייטן,
און לאָזט אַראָפּ דעם צינגל באַלד...
ס'האָט יעטווידער זיך זיינע גוסטן,
זיין ליבלינגס־זאָרג און זיינע לוסטן:
ווער פון אַ ביקס אין קאַטשקעס צילט,
און ווער, ווי איך, מיט גראַמען שפּילט,
ווער ס'כאַפּט די חוצפּהדיקע פליגן,
ווער ס'הערשט אין טרוים אויפן המון,
ווער ס'שפּילט אין קריג זיך און אין קרויג,
ווער ס'לאָזט פון טרויער זיך פאַרוויגן,
ווער ס'איז פאַרנומען גאָר מיט וויין:
דאָס פרייד איז אויסגעמישט מיט פּיין...

✽

XXXVII

וואָס מאַכט אָנעגין? ברידער מײַנע,
נישט אומגעדולדיק זײַט אַזוי:
די טאָג-באַשעפטיקונגען זײַנע
װעל איך באַשרײַבן אײַך געניי;
ר'איז ווי אַ נזיר דאָרט געבליבן,
שטייט זומער אויף אַ זייגער זיבן,
און גייט אַוועק אָן פֿרישטיק גלײַך
צום אונטערבאַרגעדיקן טײַך;
דעם העללעספּאָנט אַט דעם באַקאַנטן
שווימט ער אַדורכעט, גייט אַרויס,
דערנאָך זײַן קאַווע טרינקט ער אויס,
קוקט-דורך זשורנאַלן, נעמט זיך אָנטאָן;
נו? איר פֿלעגט קיינמאָל, ווי מיר דאַכט,
נישט טראָגן גאָר אַזאַ מין טראַכט...

XXXVIII XXXIX

שפּאַציר און בוך, אַ שלאָף אַ טיפער,
דער וואַלד־שאָטן, פון שטראָם דער קיל,
און פון אַ שמעטערלינג אַ שטיפער
אַ יונגער פרישער קוש צומאָל,
אַ ראַשער פּערדל אַ געשפּאַנטער,
אַ פיינער מיטאָג אַ פּיקאַנטער,
פון וויין פון ליכטיקן אַ פלאַש,
אַ שטילקייט, איינזאַמקייט אָן רעש, —
אָט איז אָנעגינס הייליק לעבן ;
ר'האָט אומבאַמערקט די צייט געטיילט,
אין זאָרגלאָזיגקייט נישט געציילט
די שיינע זומער־טעג, וואָס שוועבן ;
פאַרגעסט די שטאָט מיט אירע געסט,
מיט זייער אומעטיקן פעסט...

XL

פון דרום-ווינטער פון דעם קילן
א לעכערלעך קאַריקאַטור
איז אונזער זומער; נור מיר ווילן
נישט מודה זיין — אזא נאַטור!
דער הימל אָטעמט שוין מיט קעלטן,
די זון, זי פינקלט שטראַלט שוין זעלטן;
דער טאָג ווערט קירצער, ווייט מיט קעלט,
דער כשופדיקער וואַלד-געצעלט
אַנטבלויזט זיך שוין, און רוישט פאַרטרויערט;
א נעפל פאַלט; פון דאָרט און דאַן
צום דרום ציט א קאַראַוואַן
פון שרייענדיקע גענז; עס לויערט,
עס קומט אַן אומעטיקע צייט,
ס'איז דער נאָוועמבער שוין נישט ווייט...

*

XLI

ס׳שטייט-אויף די זון אין נעפּל קאַלטן;
אַנטשטומט דער רויש פון אַרבעטס-טעג;
ס׳הערט-אויף דער וואָלף זיך צו באַהאַלטן,
קומט מיט דער וואָלפין אויפן וועג;
ס׳דערשפּירט דער פערד אים — און פאַרשייטער
נעמט ער צו כראַפּען, — און דער רייטער
יאָגט באַרג-אַרויף מיט אַלע מי;
דער פּאַסטוך טרייבט שוין נישט די קי
אין פעלד אַרויס פון שטאַל באַגינען;
און ס׳רופט נישט מער זיי מחנותווייז
דער האָרן זיינער אין אַ קרייז;
אין פויער-שטיבל נעמט שוין שפּינען
די מויד, און — טרייער ווינטער-פריינט —
קנאַקט שוין דער קין פאַר איר און שיינט...

XLII

אַט קנאַקן שוין די פֿרעסט, און לאָזן
אויף פֿעלד און וואַלד אַ זילבער העל;
(דער לעזער וואַרט אַ גראַם שוין ראָזען:
נאַ, נעם און כאַפּ אים, אָבער שנעל!)
פֿון אַ סאַלאָן־פּאַרקעט נאָך רייַנער
פֿאַרפֿרוירן שטראַלט דער טייך דער קלייַנער;
עס גליצן יונגלעך מחנותווייַז
און שנייַדן הילכיק שוין דעם אייַז;
אַ שווערע גאַנז אויף רויטע פֿיסלעך
קלערט שווימען יעצט: זי טוט אַ שפּרייַז
גאַנץ פֿאַרזיכטיק דאָרט אויפֿן אייַז,
און גליטשט זיך אויס און פֿאַלט; צו ביסלעך
פֿאַלט אויפֿן ברעג דער ערשטער שניי
ווי שטערן ליכטיקע אַ רייַ...

*

XLIII

וואָס קאָן אין ישוב דאַן דערקוויקן?
שפּאַציר? דער פּוסטער דאָרף אַרום
דערעסט נישט-ווילנדיק די בליקן,
איינטעניק-הויל איז אומעטום;
צו רייטן אין די קאַלטע סטעפּן?
מיט זיין פֿאַרטעמפּטן הוף פֿאַרטשעפּען
קאָן נאָך די דין-פֿאַרפֿרוירנע ערד
און פּלוצלונג אומפֿאַלען דער פֿערד;
זיך אין דער פּוסטער שטוב, דער באַנגער,
לעז: אָט איז — פּראַדט, אָט וואַלטער סקאָט!
דו קוק דיר די צו הוצאה דורך,
זיי בייז, צי טרינק; דער אָוונט לאַנגער
וועט דורכגיין [— — — — — — —
— — — — — — — — —]
אַזוי פֿאַרגייט די אָוונט-צייט.

קוסטין, 1918.

מ. י. לערמאנטאוו

לירישע לידער

די תפלה

אין שווערער צייט, ווען ס׳פרעסט דאָס האַרץ
א טרויעריק געפיל,
דאַן אויסגווייניק מורמל איך
אַ צויבער־תפלה שטיל...

אַ קראַפּט איז דאָס אַ היילנדע
אין ווערטער־קלאַנג פאַרמאַכט
און ס׳אָטעמט דאָרט אַ הייליקע,
אַ כשופדיקע פראַכט...

פון זעלע פאַלט דער יאָך אַראָפּ
עס ווערט די רו דערגרייכט,
און ס׳גלייבט זיך מיר, און ס׳וויינט זיך מיר
און ס׳איז מיר אַזוי, לייכט...

כ׳גיי ארויס...

כ׳גיי ארויס אין וועג אליין שפאצירן;
ס׳שטראלט דער וועג, מיט נעפלען אויסגעבעט;
שטיל די נאכט, דער מדבר איז מתפלל,
און א שטערן מיט א שטערן רעדט...

אין דער הייך איז פייערלעך און פרעכטיק!
ס׳שלאפט די ערד, פארהילט אין בלויען שיין...
וואס-זשע איז מיר שווער אזוי און פיינלעך?
ווארט איך וואס? כ׳באדויער וואס מיט פיין?

ניין, איך ווארט שוין גארנישט מער פון לעבן
און דער עבר וועקט נישט מיין געפיל;
כ׳זוך אצינד נאר שטילע רו און פרייהייט,
כ׳וואלט געוואלט אנטשלאפן ווערן שטיל...

אבער נישט מיט קאלטן שלאף פון קבר,
וואו ס׳איז אלץ פארגליווערט, קאלט און פוסט;
נאר אין ברוסט זאל דרימלען לעבנס-כח
אטעמען, זיך וויגן זאל די ברוסט...

זאל א זיסער קול מיר וועגן ליבע
זינגען צארט בייטאג און איבערנאכט;
איבער מיר א דעמב, אן אייביק גרינער
זאל זיך בייגן, רוישנדיק באזאכט...

*

ביים טעמפּל

עס איז געשטאַנען ביי אַ טעמפּל
אַן אָרעמאַן, געבעטלט ברויט.
ער איז געווען בלאַס און מאָגער
פון הונגער, דורשט, פון שווערער נויט...

אַ שטיקל ברויט האָט ער געבעטן,
זיין בליק איז פול געווען מיט פּיין,
און ס'האָט אַריינגעלייגט אים עמעץ
אין אויסגעשטרעקטער האַנט אַ שטיין...

אַזוי האָב איך ביי דיר געבעטלט
דיין ליבע, וועלכע כ'האָב געגאַרט;
אַזוי האָסטו, מיין קינד, די בעסטע
געפילן מיינע אָפּגענאַרט...

הימל און שטערן

ריין איז דער הימל אין אָוונט,
ריין איז דער שיין פון די שטערן,
ריין ווי דאָס גליק פון אַ קינד ;
אַך, טאָ פאַרוואָס טאָר איך גאָרנישט אַ קלער טון
שטערנדלעך! ריין זענט איר פונקט ווי מיין גליק!...

וואָס איז דיין אומגליק ?
פרעגן מיך מענטשן.
אומגליקלעך בין איך
טייערע מענטשן, וואָס הימל און שטערן —
איז הימל און שטערן — און איך בין אַ מענטש!...

איין מענטש דעם צווייטן
איז אייביק מקנא ;
איך בין דאָך אָבער
נאָר די באַצויבערטע שטערן מקנא —
כ'וואָלט זייער אָרט נאָר פאַרנעמען געוואָלט !...

דער נביא

און זייט עס האָט געשענקט מיר גאָט
דעם נביא־גייסט, וואָס אַלעס זעט ער —
אין מענטשן־אויגן לעז איך קלאָר
פון שלעכטס און תאווה גאַנצע בלעטער...

כ׳האָב אָנגעפאַנגען צו פאַרשפּרייטן
די אמת־ און די ליבע־לערע —
און ס׳האָבן מיינע אַלע נאָנטע
אין מיר געוואָרפן שטיינער שווערע...

איך האָב באַדעקט מיין קאָפּ מיט אַש
און פון די שטעט געלאָפן אָרעם,
און אָט אין מדבר לעב איך איצט
ווי ס׳לעבט דער פויגל און דער וואָרעם.

און, היטנדיק דעם גאָטס־געבאָט
פאַר מיר די חיות אַלע פאַלן,
און ס׳האָרכן מיך די שטערן שטיל
און שפּילן פריילעך מיט די שטראַלן...

און ווען איך גנבע מיך געאיילט
אין שטאָט, דורך איר גערויש און תאווה,
דאַן זאָגט דער זקן צו דעם קינד
און שמייכלט שטיל, דערפילט מיט גאווה:

— אָ, זעט־אָט איז אַ ביישפּיל אייך!
ר'איז שטאָלץ און ליידט נישט אונזער טומלען,
ר'האָט איבערצייגן אונז געוואָלט,
אַז מיט זיין מויל רעדט גאָט פון הימל!...

טאָ, קוקט־זשע, קינדער, קוקט אויף אים
ווי בלאַס ער איז, ווי איינזאַם גייט ער,
אַן אָרעמער, אַ נישט באַקליידטער
און ווי ס'פּאַראַכטן אַלע אים...

כוואַליעס און מענטשן

עס קייקלען זיך איינס נאָך דער צווייטער די כוואַליעס
און רוישן און שוימען זיך פריי ;
די מענטשלעך, די נישטיקע, גייען און גייען
אויך איינער נאָך צווייטן פאַרביי...

דער כוואַליע איז ליבער איר קעלט און איר תפיסה
פון שטראַלן, וואָס שימערן העל ;
אַ זעל ווילן האָבן די מענטשן... און וואָס־זשע?
נאָך קעלטער איז זי פון דער וועל...

❀

ווען ס'כוואַליען זיך...

ווען ס'כוואַליען זיך די צייטיק-געלע זאַנגען
און ס'רוישט דער וואַלד, גערירט פון קילן ווינט:
און ווען ס'באַהאַלט זיך שטיל דער פלוים אין גאָרטן
אין שאָטן פון דעם בלאַט, וואָס ציטערט לינד —

און ווען, באַשפּריצט מיט דופטיק-קילע טויען
פרימאָרגן צי אין טרוימישן פאַרנאַכט
באַגריסט מיך צאַרט דער זילבער-קלאָרער לאַדיש
און נייגט פון שטרויך זיין קעפּעלע פאַרטראַכט —

ווען ספּילט אין טאָל דער ריינער קוואַל, דער קאַלטער
און וויגט מיך איין ווי אין אַ נעפּל-טרויט
און מורמלט מיר א וואונדערלעכע מעשה
פון לאַנד, פון וועלכן ר'קומט באַגלייט מיט שוים —

דאַן רואיק ווערט דער פּיין אין מיין נשמה
עס ווערט מיין שטערן דאַן פון קנייטשן ריין
איך קאָן אויף דר'ערד דאָס גליק דאָס העלע פילן
און אין די הימלען זע איך גאָט אַליין...

*

אַ טרוים

איך בין אין דאַגעסטאַניען־טאָל געלעגן
מיט בליי אין ברוסט, זיך נישט געטון קיין ריר;
אַ וואונד אַ טיפע האָט זיך נאָך גערייכערט
און טראָפּנס בלוט געטריפט האָבן פון איר...

אַליין בין איך געלעגן אויף די זאַמדן,
געפּרעסט האָבן די פעלזן זיך אַרום;
די זון האָט זיי געבּרענט די געלע שפּיצן
און מיך געבּרענט... נאָר כ׳בין געשלאָפן שטום...

און ס׳האָט זיך מיר געטרוימט, באַשטראַלט פון פייער
אין היימאַטס־לאַנד ביי מיר אַן אָוונט־פעסט,
און יונגע פרויען, העל באַקריינט מיט בלומען,
גערעדט האָבן פון מיר דאָרט מיט די געסט...

דאָך נישט גערעדט פון זיי האָט אָבער איינע,
פאַרטראַכט געזעסן קיינעם נישט געזען.
גאָט ווייסט, פאַרוואָס איז דאַן איר יונגע זעלע
פאַרזונקען אין אַ טרויער־טרוים געווען...

און ס׳האָט זיך איר געטרוימט דער טאָל דער טיפער,
א מת האָט אַ באַקאַנטער דאָרט גערוט;
אין ברוסט האָט זיך אַ וואונד געשוואַרצט, גערייכערט
און ס׳האָט געטריפט אין קאַלטן שטראָם דאָס בלוט...

❀

די ים־פּרינצעסין

ס'באָדט אין דעם ים דער בן-מלך זיין פֿערד
„פּרינץ! טו אַ קוק אויף מיר!" פֿלוצלונג דערהערט,
ס'כראָפּעט דאָס פֿערד און די אויערן שפּיצט
שווימט זיך אַלץ ווייטער און שווימט זיך און שפּריצט.
הערט ער, דער פּרינץ: „אַ בת־מלכּה בין איך!
ווילסט, איך זאָל נעמען אויף נאַכט דיך צו זיך?"
אָט האָט באַוויזן אַ האַנט זיך פֿון תּהום
כאַפּט פֿאַר די פֿראַנז פֿון דעם זיידענעם צוים:
שפּעטער אַרויס איז אַ יונגינקער קאָפּ.
וואַסער־גראָז הייננט פֿון די צעפּלעך אַראָפּ
בלוילעכע אויגן, טון ליבע צעבליצט
טראָפּנס ביים האַלז, פּונקט ווי פּערל, צעשפּריצט.
טראַכט זיך דער פּרינץ: „גוט, טאָ שווים־זשע נישט אָפּ!"
פֿלינק מיט דער האַנט האָט געכאַפּט ער דעם צאָפּ.
האַלט. און זיין האַנט איז אַ שטאַרקע פֿון שלאַכט...
וויינט זי און בעט זיך און צאַפּלט אָן מאַכט.
און דער בן־מלך, אַ מוטיקער, רייט,
רופֿט די חברים צו זיך פֿון דער ווייט:
„העי!" קומט צונויף, מיינע פֿריינט אַלע, איר!
זעט ווי עס צאַפּלט מיין רויב נעבן מיר...
וואָס־זשע געבליבן פֿאַרשעמט זענט איר שטיין!
האָט איר נאָך גראָד אַזאַ פּראַכט נישט געזען!"
אָט קוקט זיך אום דער בן־מלך צוריק,
אַך! און ס'פֿאַרלעשט זיך דער זיגערשער בליק;

ר׳וועט: אויף דעם זאַמדיקן, גאָלדענעם ברעג
ליגט דאָרט אַ ים-חיה, גרין איז איר עק,
איז ווי מיט שופּן פון שלאַנגען באַזייט
ציטערט, איינגאַנצען פאַרשטאָרבן, און דרייט.

ס׳כוואַליעט זיך שוים פון דעם שטערן און פּאַלט,
ס׳דעקט אירע אויגן אַ טויט-בלעפּל קאַלט.
בלייכע הענט כאַפּן דעם זאַמד אויפן אָרט,
ס׳מוסרן ליפּן — מען הערט נישט קיין וואָרט.
קערט זיך דער פּרינץ פול מחשבות און באַנג...
ר׳וועט די בת-מלכה געדענקען שוין לאַנג.

איך וויל נישט...

איך וויל נישט, ניין, עס זאָל די וועלט
זיך, פון מיין לעבנס-סוד דערוויסן;
ווי כ'האָב געליטן און געליבט,
גאָט משפּט נאָר און מיין געוויסן.

עס גיט מיין האַרץ זיי אַ באַריכט
און בעט אום מיטלייד און באַדויער —
און זאָל באַשטראָפן מיך נאָר דער,
ווער ס'האָט באַשאַפן מיר מיין טרויער.

עס וועט דער מוסר פון דעם מענטש
נישט מאַכן טרויערן מיין זעלע;
עס פאַלט נישט דער גראַניטן-פעלז —
כאָטש רוישן מעג די ימים-וועלע:

זיין שטערן איז אין וואָלקנס הויך;
צוויי וועלטן זיינען זיינע שכנים,
און אויסער ווי דעם שטורעם נאָר
פאַרטרויט ער זיין געדאַנק נישט קיינעם.

אָ, ניין...

אניין, איך בין נישט בײַראָן! כ׳בין
אַן אויסדערוויילטער גאָר אַן אַנדרער,
ווי ער, אַ וועלט-געיאָגטער וואַנדרער
נור מיט אַ רוסיש זעל און זין.

כ׳הייב פריער אָן — מיין סוף איז פריער;
ס׳האָט מיין פאַרשטאַנד אַ קליינע מאַכט;
ס׳ליגט אין מיין זעל, ווי אין אוקינוס
פון טויטע האָפנונגען די פראַכט.

ווער קאָן אַנטדעקן דיינע סודות
אָ, ים, אָ, ברוגזער! ווער ניט
דער ערד-וועלט איבער דיין געדאַנקען
דער דיכטער, אָדער קיינער ניט!

אין תפיסה

עפנט אויפ׳עט מיר די תפיסה,
גיט מיר, גיט די שיין פון ערד,
גיט אַ שוואַרצנאויגיק מיידל,
גיט אַ שוואַרצגעלאָקטן פערד.

פריער וועל איך זי באַגריסן
מיט אַ צאַרטן קוש אַ זיסן,
שפעטער—איפן פערד געשווינט
און אין סטעפעס ווי אַ ווינט.

נאָר ס׳איז הויך דער תפיסה-פענסטער;
און אַ שלאָס הייבגט אויפן טיר,
ווייט דאָס שוואַרצנאויגיק מיידל
אין דעם רייכן שלאָס ביי איר;

און דער פערד אין גרינע רוימען
פרי, אַליין און נאָר אָן צוימען
טראָגט זיך, שפּילנדיק, אַוועק
און צעלאָזט אין ווינט דעם עק.

איינזאַם בין איך — כ׳האָב קיין פריידן;
און אַרום — נאָר הוילע ווענט;
מיט אַ גוסטדיקן פייער
ס׳אייל אין לעמפּל טונקל ברענט;

און עס הערט זיך הינטער טירן
ריטמיש־הילכעדיק זיך רירן
נאָר דעם וועכטער, וועלכער שטום
גייט אין שטילער נאַכט אַרום.

דער פעלז

ס׳האָט געגעכטיקט אויף דער ברוסט פון זיידע
פון דעם פעלז, אַ וואָלקנדל פון הימל.
פרי האָט זי דערוואַכט זיך פון איר דרימל
שפילנדיק אין בלויען רוים מיט פריידע.

נאָר אַ שפור אַ פייכטער איז געבליבן
אין דעם קנייטש פון פעלז פון אַלטן בלאַנקן.
שטייט אַליין ; פאַרטיפט אין זיין געדאַנקען
און ער וויינט אין מדבר שטיל באַטריבן...

דער טראָסטניק

געזעסן איז זיך פריילעך
אַ פישער בײַ אַ טײַך.
געוויגט האָבן טראָסטניקעס
זיך מיטן ווינט צוגלײַך.

און דורכגעבויערט לעכלעך
האָט ער אין אַ טראָסטניק,
אַ בלאָז געטון אין איין עק,
דעם צווייטן פעסט אַ דריק –

און גלײַך ווי אַ באַלעבטער
האָט דער טראָסטניק גערעדט
ווי פון אַ מענטש אַ שטימע
און ווי אַ ווינט-געגעט:

ר'האָט טרויעריק געזונגען:
„אַך, לאָז מיך, לאָז אַוועק,
דו פישער, פישער שיינער,
דו פײַניקסט מיך אַ שרעק!

איך בין געווען אַ מיידל,
אַ מיידל יונג און שיין.
בײַ שטיף-מוטער אין תפיסה
האָב איך געבליט אין חן...

און אומשולדיקע טרערן
געגאָסן האָב איך הייס,
דעם פריען טויט גערופן
כאָטש ס'איז אַ זינד, איך ווייס...

דער שטיף-מוטערס אַ זונדל
געלעבט האָט אין געצעלט,
פלעגט נאַרן שיינע מיידלעך,
פלעגט שרעקן גאָר די וועלט.

און איינמאָל אין אַן אָונט
בין איך מיט אים צום ברעג
געגאַנגען זען די כוואַליעס
ווען ס'גייט די זון אַוועק.

געבעטלט האָט ער ליבע,
כ'האָב ליבן נישט געקענט,
און געלט האָט ער געשענקט מיר,
כ'האָב נישט פאַרשמוצט די הענט...

ער האָט מיך מיט אַ מעסער
אין ברוסט געשטאָכן גלייך,
באַגראָבנדיק מיין קערפער
ביים הויכן ברעג פון טייך.

און דער טראָסטניק געוואָקסן
האָט אויף מיין קבר-שוועל;
עס לעבט אין אים אַ טרויער
דער טרויער פון מיין זעל...

אַך, פּישער, שיינער פּישער,
אַך, לאָז מיך, לאָז אַליין,
דו קאָנסט מיר גאָרנישט העלפן
און פרעמד איז דיר געוויין...

ס׳גיט ווערטער...

ס׳גיט ווערטער – ווי טונקל,
און ווי נישט-פאַרשטענדיק;
דאָך מוז מען זיי האָרכן
מיט אויפרעגונג שטענדיק.

ווי פול זייער קלאַנג איז
מיט וואונזין-באַגערן!
מיט צאַפּל פון ליבע
פון שיידלעך מיט טרערן!...

ס׳באַגעגנט קיין ענטפער
אין וועלטלעכן שאַלן
דאָס וואָרט וואָס געבוירן
פון פלאַם איז און שטראַלן.

אין טעמפל, אין שלאַכטפעלד,
וואו מענטשן נאָר זענען,
אים הערנדיק וועל איך
אים זיכער דער־קענען;

כ׳וועל ענטפערן באַלד אים
אינמיטן דער תפילה
און וואַרפן צו אים זיך
פון שלאַכט-פעלד אַפילו...

ס'איז אומעטיק...

ס'איז אומעטיק, טרויריק, נישטאָ וועמען געבן די האַנט
אין שעהן פון ליידן פון גרעסטע...
פאַרלאַנגען ?... וואָס נוצט אָבער אייביק פאַרלאַנגען אומזיסט!...
און יאָרן פאַרגייען — די יאָרן די בעסטע!...

צו ליבן ?... נאָר וועמען ?-אויב צייטווייליק-לויגט נישט די מי,
און אייביק דאָך קאָן מען נישט ליבן ;
אין זיך וואַרפסט אַ בליק ?-ס'איז נישטאָ דאָרט פון עבר קיין שפור,
די פרייד און די לייד — אַזוי נישטיק געבליבן...

די ליידנשאַפט ?-פרי אָדער שפעט וועט איר וויי, וואָס איז זיס,
פאַרשווינדן ביים וואָרט פון דעם שכל ;
און הויבסט-אָן באַטראַכטן נאָר קאַלט — איז דאָס לעבן אַרום
אַ נאַרישער שפּאַס, וואָס פאַרדינט נאָר אַ שמייכל...

דער קינזשאַל

איך האָב דיך ליב, מיין שטאָלענער קינזשאַל,
מיין העלער, קאַלטער פריינט! צו אַ נקמה
האָט דיך געשמידט אַ טרויעריקער גרוזין,
ס'האָט אַ טשערקעס געשליפט דיך צו מלחמה...

עס האָט געשענקט דיך מיר אַ ליליען-האַנט
צו אָנדענקונג, אין דער מינוט פון שיידן,
און ס'ערשטע מאָל גערונען האָט אויף דיר נישט בלוט,
נור אַ צעשטראַלטע טרער — אַ פּערל פון די ליידן...

די שוואַרצע אויגן — קוקנדיק אויף מיר —
אין וועלכע שטום אַ טרויער-סוד באַהאַלט זיך,
זיי האָבן, ווי די שטאָל ביים ציטערדיקן שיין
דאָ זיך געטונקלט, דאָ — צעשטראַלט זיך...

ביזט מיין באַגלייטער און דער ליבע-משכן מיין,
אַ ביישפּיל קאָנסט דעם וואַנדערער באַווייזן —
יאָ, כ'וועל דערזעלבער בלייבן, האַרט וועט זיין
מיין זעל, ווי דו, ווי דו — מיין פריינט פון אייזן!...

*

כ׳ליב גאָר אַזוי...

בײן, כ׳ליב גאָר אַזוי פלאַמיק־הײס נישט דיך,
אוּן נישט פאַר מיר טוט גאָר דײן שײנקײט שײנען –
איך ליב אין דיר די לאַנג פאַרשוואונדענע פײנען,
מײן יוגנט, וועלכע האָט פאַרלאָזן מיך...

ווען צײטנווײז, עס טרעפט: מײן אויג דיך זעט
הײבסט־אָן אויף זיך מײן בליק מײן לאַנגן שפּירן –
דאַן הײב איך אָן אַ צוויבער־שמועס פירן. –
נאָר נישט מיט דיר מײן האַרץ גאָר דעמאָלט רעדט.

דאַן רײד איך מיט מײן יוגנט־פרײנדין באַנג,
אין דײנע שטריכן – זוך איך אַנדרע שטריכן,
אין פרישן מויל, אַ מויל וואָס איז פאַרבליכן,
אין אויג – אַן אויג, וואָס לײכט שוין נישט פון לאַנג...

*

דאָס דעמבענע בלעטל

אַ דעמבענער בלעטל האָט שטיל זיך פון צווייג אָפּגעריסן
אין סטעפּ זיך פאַרקייקלט, פון שטורם, דעם אַכזר, פאַרשמיסן;
פאַרוועלקט און פאַרטריקנט פון קעלט און פון היץ און פון שמאַרצן
און האָט זיך, אַם ענדע, דערקייקלט צום ים צו דעם שוואַרצן.
ביים ברעג פון דעם ים שטייט אַ יונגע טשינאַרע אַ דינע,
עס סודעט מיט איר זיך דער ווינט, גלעט די צווייגן די גרינע,
אויף צווייגן אויף גרינע גן-עדנישע פויגעלעך שפּרינגען
דעם ליוב און דעם רום פון דער וואַסער-פּרינצעסין באַזינגען.
און ס׳פּרעסט זיך דער וואַנדרער צום בוים-וואָרצל, ווי צו אַ רעטער,
אַ צייטווייליק היימאַט אויף אָפּרוען בענקנדיק בעט ער.
אַזוי זאָגט ער: „איך בין אַ דעמבן-בלאַט אָרעם-פאַרלוירן
אין היימאַט אין קאַלטער פּריצייטיק אַ רייפער געוואָרן.
איך טראָג דורך דער וועלט זיך פון לאַנג שוין פאַראיינזאַמט
אָן ציִלן,
פאַרטריקנט אָן שאָטנס, פאַרוועלקט אָן אַ שלאָף אָן אַ שטילן.
טאָ נעם זשע מיך צו, דיינע בלעטער מיין ווי זאָלן טיילן —
כ׳קאָן מעשיות פאַרכישופטע, קלוגע, נישט ווייניק דערציילן“.
און ס׳ענטפערט אים אָפּ די טשינאַרע: „איך דאַרף דאָ דיך גאָרנישט!
ביזט שטויביק און געל, פאַר די זון מיינע פרישע קיין פּאָר נישט,
האָסט פיל שוין געזען, דאָך צו וואָס מיר די מעשיות און לידער?
אַפילו גן-עדנישע פליגל, זיי מאַכן מיך מידער...

איך קען דיך נישט, וואַנדערער! נעם־זשע דיין וועג ווייטער ציִען;
ס'האָט ליב מיך די זון און פּאַר איר איז מיין שיינקייט, מיין בליִען;
כ'האָב אויך מיינע צווייגן צעוואָרפן אין בלויקייט באַשטראַלטער,
און ס'וואַשט מיינע וואָרצלען אַרומעט דער ים מיר דער קאַלטער.

*

טאַמאַרע

אין טאָל, אין דאַריאַלער, אין טיפֿן,
וואו ס׳גראָבט זיך דער טערעק ביים באַרג,
פֿלעגט קוקן אַ טורעם אַן אַלטער,
דאָרט איבער אַ פֿעלזיקן קאַרק.

געלעבט האָט אין טורעם אין הויכן
די מלכה טאַמאַרע אַליין;
אַ שלעכטע אַזוי ווי דער שטן!
אַזוי ווי אַ מלאך שיין...

ס׳האָט דאָרט דורך דעם נאַכטיקן נעפּל
אַ גאָלדענער פֿלעמל געוואַכט,
פֿלעגט וואָרפֿן אין אויג זיך דעם וואַנדרער,
געוווּנקען צו אָפּרו אויף נאַכט.

ס׳פֿלעגט הערן דער קול זיך טאַמאַרעס
דערפֿילט מיט אַ ליידנשאַפֿטס-פּראַכט,
דערפֿילט מיט אַלמעכטיקן כּשוף
און מיט אומפֿאַרשטענדלעכער מאַכט.

ס׳פֿלעגט גייִן נאָך איר שטימע דער קריגער,
דער סוחר, דער פֿאַסטוך צו איר;
עס פֿלעגן זיך עפֿענען די טירן,
אַ סריס פֿלעגט טרעפֿן בײַם טיר.

אויף פּוכיקן, ווייכן געלעגער,
אין זײַדנס און דימענטן־שײַן;
דעם גאַסט פֿלעגט זי דאָרטן דערוואַרטן
דערנעבן — צוויי בעכערס מיט ווייַן.

און הענט פֿלעגן פֿלעכטן זיך הייסע,
די ליפּן צו ליפּן געדריקט,
און קלאַנגען, פֿון ליידנשאַפֿט, ווילדע,
דאָרט פֿלעגן זיך הערן פֿאַרשטיקט.

ווי ס׳וואָלטן אין טורעם געקומען
אויף נאַכטיקע חתונות געסט,
און ס׳פּראַווען די יונגען אין פֿרייען
נאָך עמיצנס טויט דאָרט אַ פֿעסט.

דאָך ווי נאָר דער שימער פֿון מאָרגן
פֿלעגט וואַרפֿן אויף בערגער זײַן שטראַל:
דאַן פֿלעגן דאָרט שטילקייט און חושך
באַלד הערשן אויפֿסניי איבעראַל.

און נאָר אין דאָריאַל פֿלעגט דער טערעק
אַלץ רוישן און טראָגן זיך שנעל;
ס׳פֿלעגט אָנלויפֿן כוואַליע נאָך כוואַליע,
ס׳פֿלעגט יאָגן אַ וועל נאָך אַ וועל.

און וויינענדיק פֿלעגן זיי איילן
דעם קערפּער באַהאַלטן אין גרונט...
ס'פֿלעגט דאַן אין דעם פענסטער וואָס בלייכן
ס'פֿלעגט קלינגען פון דאָרט: „זיי געזונט"...

און דאָרט איז געווען די צעשיידונג
און זיס האָט געקלינגען דער קול
ווי צוגעזאָגט וואָלט ער אַ ליבע,
באַגייסטערטע פרייד אָן אַ צאָל...

איך קוק מיט שרעק...

איך קוק מיט שרעק אין ווייטע צוקונפט,
איך קוק מיט בענקשאַפט אויף צוריק;
ווי אַ פאַרברעכער פאַרן אורטייל,
אַזוי זוכט־אום אַ פריינט מיין בליק!..
צי וועט מיין אויסלייזער אַנטדעקן
דעם לעבנס־סוד, און וועט אַנטפּלעקן
דעם ציל פון ליידנשאַפט־פאַרלאַנג;
דערציילן וואָס האָט גאָט געגרייט מיר,
און אויך פאַרוואָס ער האָט געטויט מיר
מיין יוגנט־האָפענונג פון לאַנג?

איך האָב דער ערד שוין אָפּגעגעבן
מיין גוטס און שלעכטס, וואָס כ'האָב געטון.
כ'בין גרייט אַ נייעם לעבן פירן...
איך שווייג און וואַרט... די צייט קומט אָן...
איך וועל מיין ברודער נישט פאַרלאָזן,
און קעלטן, פינסטערישן בלאָזן
ביי מיר אין מיין פאַרמאַטערט זעל:
ווי פריע פרוכט, אין זאַפט און פאַרבן,
האָט זי געמוזט אין שטורם שטאַרבן
אין זון, וואָס האָט געברענט צו־העל...

*

די באַגעגעניש

דאָרט, הינטער בערגער ריזיקע
גייט-אויס דער אָוונט-שטראַל.
און מיט זיין וועל דער רוישיקער
קוים שטראַלט דער הייסער קוואַל.
עס האָבן זיך שוין אָנגעפילט
די גערטנער פול מיט דופט;
ס'פאַרהילט טיפליס אַ שווייגעניש,
ס'ווערט נעפלדיק די לופט.
עס שוועבן טרוימען פייניקע
צו מענטשן, פול מיט זינד,
מלאכים גוטע שמועסן
זיך ליב מיט יעדן קינד.

דאָרט, הינטער אַלטע פעסטונגען
אויף בערגער פינסטער-הויך
פון אונטער אַ טשינאַרע-בוים
כ'ליג אויף אַ טעפיך ווייך.
איך ליג אַליין און קלער זיך מיר:
צי דען האָסטו, מיין קינד,
מיר אין דער אמתן באַשטימט
צו טרעפן זיך אַצינד?...

און איצט, אין שעה אין סודיקצר,
וואָס איז פאַר ליבע זיס,
דיך רופט, אָ פריינט, אָ איינציקער
מיין טרוים מיט אַ גערים!...

עס צאַנקען שומרים־פייערן
נאָר דאָרטן אויפן בריק,
ווי וועכטער שטייען גלאָק־טורעמס
און שוואַרץ איז זייער בליק.
מיט טריט, מיט נישט קיין זיכערע,
שוין נאָכן באָדן גייט,
פון פאָרעלעך גרוזינעריגס
אַ לאַנגע ווייסע קייט;
אָט בלאָנדזשען זיי, קוים שלייכנדיק
אין גאַס, וואָס איז איצט וויסט...
איך וויל פון אונטער לאַנגן טיול
דערקענען דיך – אומזיסט!...

דיין הייזל מיטן גלאַטן דאַך
מיר זעט זיך ווייט פון שטאָט,
דער גאַנעק מיט דעם טרעפעלע
אין טייכעלע זיך באָדט...
און צווישן קילקייט וועלכע ווייעט
אַריבער בלויען טייך
איז עס מיט גרינעם פלאַנצן-נעץ
אַרומגעוויקלט רייך...
פון הינטער הויכן טאָפּאָל-בוים
דיין פענסטער זע איך דאָרט...
נאָר ס'לייכט קיין ליכט, קיין איינזאַמע
אַצינד אין יענעם אָרט!

איך וואַרט, און מיט פאַרוואונדערונג
אומזיסט שוועבט-אום מיין גליק,
צעשניטן שוין פון אומגעדולד
האָב איך דעם טעפּיך-שטיק...
כ׳וואַרט מיט אומזיסטע בענקענישׁ,
ס׳איז טרויעריק און שווער..
אַט טוט אַ וויי מיט פייכטער קעלט
פון מזרח-זייט אַהער ;
עס רויטלען זיך פון נעבל ווייט
דער באַרג-שפּיץ גראָ און גרויס,
עס גייט דער סוחרים-קאַראַוואַן
שוין פון דער שטאָט אַרויס..

אַוועק דו טרער, דו שענדלעכע!
קאָך, זעל מיינס, נישט באַרוט!
יאָ, דיין פאַרראַט דיין פינסטערן,
אָ, שלאַנג, פאַרשטיי איך גוט!...
איך ווייס פון וואַסער טרייסט דערפרייט,
פאַרהילכנדיק די ערד,
האָט זיך געיאָגט ווי וואַנזיניק
דער טאַטער אויפן פערד..
און נישט אומזיסט ער שטייט באַהנט
ביים פענסטער וואו דו ביסט!..
און ליב באַטראַכט זיין פּערסיש פערד
דיין פאָטער נישט אומזיסט...

איך נעם מיט זיך אַ לאַנגן ביקס
פון טויער כ׳גיי אַוועק :
דאָרט, הינטער יענעם וויסטן פעלז
פאַרקערעוועט דער וועג.

כ׳וועל אויפוואַרטן ביז מיטן-טאָג
דאָרט ביי דעם קבר-צעלט ;
און אויף דעם וועג דעם שטויביקן
מיין ביקס ווערט אָנגעשטעלט...
אומזיסט צעוויגט זיך איצט מיין ברוסט !
מיך דעקן שטיינער צו...
שאַ ! ס׳הערן נאָנט זיך פערדנפיס.
אַ ! אַכזור, דאָס ביסטו !

סאָנעט

כ׳לעב אין זכּרון מיט מיין טרוים וואָס איז פֿאַרגאַנגען,
די גייסטער פֿון אַ מאָל — זיי שטויסן זיך פֿאַר מיר;
ביסט צווישן זיי ווי די לבֿנה אין איר ציר
פֿון וואָלקנס פֿון די בלאָנדזשענדע באַהאַנגען.

עס נעמט מיך אָפּ דיין הערשאַפֿט דריקן אָן אַ שיעור
פֿון דיינע צויבער-אויגן, שמייכל איז געפֿאַנגען
און איז פֿאַרשקלאַפֿט מיין גייסט, געשמידט אין קייטן-צוואַנגען,
נאָר וואָס-זשע נוצט עס מיר – כ׳בין נישט געליבט פֿון דיר...

איך ווייס, דו ווילסט מיין ליבע נישט צעטרעטן,
דאָך הערסט זיך צו אַ קאַלטע צו איר בעטן,
אַזוי אָט שטייט אַ מאַרמאָר-גאָט ביים ים ביים גרויסן:

עס קאָכט און זידט די כוואַליע ביי זיינע פֿיס פֿון לאַנג,
דאָך שטייט ער קאַלט-פֿאַרטיפֿט אין געטלעכן געדאַנק
און הערט זי גאָרנישט, כאָטש ער וויל זי ניט פֿאַרשטויסן...

*

די וואָלקנדלעך

וואָלקנדלעך הימלישע, אייביקע וואַנדערער!
ווייט אין דעם הימל די פּערל-קייט אייערע
יאָגט עס צום דרום, ווי מיך, דעם פאַרטריבענעם,
יאָגט עס פון צפון, פון געגנטן טייערע...

זאָגט-זשע, ווער יאָגט אייך? דער אורטייל פון מזל דען?
קנאה פאַרבאָרגענע? צאָרניקייט פיינטלעכע?
יאָגט אייך אַ שטראָף פאַר פאַרברעכנס באַגאַנגענע?
אפשר רכילות פון נאָענטע, פריינטלעכע?

ניין, ס'האָט דערעסן דאָס פעלד אייך דאָס פּרוכטלאָזע...
קענט איר קיין ליידנשאַפט, שמערצן און קללות נישט;
אייביק — נאָר קאַלט זענט איר, אייביק — נאָר פריי זענט איר,
האָט איר קיין היימאַט נישט, האָט איר קיין גלות נישט!...

נ י ש ט ו ו י י ן...

ניסט וויין, נישט וויין, מיין ליבעס קינד!
ער איז נישט ווערט, דו זאָלסט זיך עגן...
גלויב – ס'איז זיין צערטלען נאָר אַ שפּאַס,
גלויב – ר'האָט געליבט פון אומעט וועגן!

צי דען אין גרויזיִען ביי אונז
וועט זיך געפינען ווייניק מענער –
אַ פלאַם אַ שנעלערער אין אויג,
די שוואַרצע וואָנס געקרויזט נאָך שענער?...

דער מזל האָט פאַרוואָרפן אים
צו אונז פון פרעמדן קאַנט פון ווייטן.
וואָס וואָלט מיט דיר געפינען ער?
ער זוכט נאָר רום, ער זוכט נאָר שטרייטן...

ער פלעגט באַשענקען דיך מיט גנאָד,
און אייביק ליבן פלעגט ער שווערן;
פלעגט טייער אָפּשאַצן דיין קוש,
נאָר ר'וועט נישט אָפּשאַצן די טרערן!...

●

די צווייג פון פּאַלעסטינע

אָ, זאָג מיר, צווייג פון פּאַלעסטינע,
וואו ד'האָסט געוואקסן און געגרינט?
פּאַר וועלכע בערגער, וועלכע טאָלן
האָסט דו אַלס צירונג דאָרט געדינט?

צי ביי דעם ריינעם ירדן־וואַסער
האָט דיך דער מזרח־שטראַל געגלעט,
צי ביי'ז האָט אין דעם באַרג לבנון
געוויגט דער ווינט דיך נאַכטיק־שפּעט?

צי ביי אַ תּפלה, צי ביי לידער
פון אַלטער צייט — האָבן די זין
די אָרמע זין ירושלימס
געפלאָכטן דיינע בלעטער גרין?

און לעבט די פּאַלמע נאָך ביז איצטער?
זי רופט נאָך אַלץ אין זומער־היץ
צו זיך דעם וואַנדערער אין מדבר
מיט איר ברייט־בלעטערדיקן שפּיץ?...

צי אין דער פײַנלעכער צעשיידונג
האָט פאַרוועלקט שוין דאָרט ווי דו,
אין אירע בלעטער אירע געלבע
דער שטויב פון טאָל דעקט דורשטיק צו?...

פאַרטרוי מיר: מיט אַ האַנט אַ פרומער
ווער האָט פאַרטראָגן דיך אהער?
צי האָט ער אָפּט אויף דיר געטרויערט?
פאַרגאָרגסט אַ שפור פון הייסער טרער?

צי ר'איז גאָטס חילס דער בעסטער קריגער.
דער שטערן אומפאַרוועלקט, ריין
און ער איז ווערט געווען דעם הימל
פאַר מענטש און גאָט, ווי דו אַליין?

געהיט פון זאָרגן פון פאַרבאָרגנע
פאַר דער איקאָנע שטייסטו שטום,
דו גרינע צווייג ירושלים'ס
און וואַכסט געטריי ביים היליקטום –

דער לופטיק טונקל, ס'הייליק פלעמל,
דער קרייץ, דאָס בילד וואָס שטראַלט אין ציר –
ס'איז פול מיט זעליקייט און רואיק
אַלץ אַרום דיר און איבער דיר...

* *
*

פון הינטער סודותדיקער קאַלטער האַלבער מאַסקע
האָט מיר דיין קול געקלונגען זעליק, ווי אַ טרוים;
צו מיר געלויכטן האָבן דיינע צויבער-אייגלעך
און פאַלש געשמייכלט האָט דער רויטער ליפּן-זוים...

כ׳האָב דאַן, נישט ווילנדיק, באַמערקט דורך לייכטן רויכל
דיין האַלז-און באַקן-ווייסקייט, אומשולדיק און העל...
אַ, גליקלעכער, כ׳האָב אויך דיין שטיפער-לאָק געזען,
וואָס האָט פאַרלאָזט זיין היימיש נאָנטע לאָקן-וועל...

און כ׳האָב די יונגפרוי דאַן די שיינע אין מיין דמיון
נאָך די סמנים נאָך די לייכטע אויסגעמאָלט,
און כ׳טראָג פון דעמאָלט-אָן דאָס בילד דאָס קערפּערלאָזע
ביי מיר אין זעלע טיף, איך צערטל׳ס און האָב האָלט...

און ס׳דוכט זיך אויס: די אַלע לעבעדיקע ווערטער
האָב איך געהערט אין לאַנג-פאַרשוויגענע יאָרן ווען;
און עמיץ מורמלט מיר, אַז נאָך אָט דער באַגעגעניש
אַזוי ווי פריינט ווי אַלטע וועלן מיר זיך זען...

*

* *
*

געדענקסט אין אָוונט, ווען פֿאַר ביידן
געקומען איז די שעה פֿון שיידן;
אַן אָוונט-שאָס האָט דורכגעקנאַלט;
אין אומרו האָרכן מיר די קלאַנגען,
די שטראַלן זענען שוין פֿאַרגאַנגען
און אויף דעם ים אַ נעפּל פֿאַלט;
ס'לויפֿט אָנגעשטרענגט אַדורך דאָס קנאַלן
און ווערט דאָרט הינטער תהום פֿאַרפֿאַלן...

ווען ס'גייט די טאָג-אַרבעט אַוועק
דאַן נעם איך אָפּט פֿון דיר צו טראַכטן;
איך האָרך ביים וויסטן ימים-ברעג
דעם קלאַנג פֿון שאָס אין די פֿאַרנאַכטן.
און אין דער צייט, ווען ס'ווערט דער קלאַנג
פֿאַרטויבט פֿון רוישיק-גראָע ימען —
דאַן ווײַן איך דאָרטן, וויין אַ ך באַנג,
כ'וויל שטאַרבן דאַן מיט אים צוזאַמען...

*

צום קינד

מיך קוועלט ערינערונג פון יוגנט פון פאַרבליטער.
מיט פרייד פאַרבאָרגענער, מיט אַ פאַרבאָרגן ציטער,
מיין קינד מיין פּעכטיקעס, קוק איך אַצינד אויף דיר...
אָ, ווען דו ווייסט, ווי ביזט געליבט פון מיר!
ווי ליב מיר דיינע יונגע שמייכלען זיינען,
די אויגן, דיינע האָר, וואָס גאָלדיק שיינען,
דיין הילכיק שטים — נישט אמת דען, מען זאָגט —
צו איר ביזט ענלעך? — ווי די צייט, זי יאָגט;
פרי אומגעביטן האָבן זי די ליידן,
דער טרוים לאָזט אָבער זיך מיט איר נישט שיידן —
ז'איז אין מיין ברוסט; איר בליק, דערפילט מיט פלאַמען-גאָלד,
מיט מיר איז שטענדיק. נו, און דו? צי האָסט מיך האָלט?
דערעסט דיר נישט מיין צערטלען און מיין גלעטן?
פילייכט צו-אָפט די אייגלעך קוש איך אומגעבעטן?
צי האָט מיין טרער דיין בעקל אָפּגעבריט?
געדענק-זשע, רייד נישט פון מיין טרויער איר, און ניט,
בכלל, פון מיר. צו וואָס? עס ברייננגט קיין היילונג...
ס'קאָן זי נאָך אויפרעגן מיין קינדערשע דערציילונג.
נאָר מיר פאַרטרוי דו אַלץ! אין אָוונט-שעה פאַרהילט,
זיך זאָרגנד, נייגנדיק מיט דיר ביים הייליק בילד, —
ווען זי פלעגט מורמלען דיר אַ קינדערישע תפלה
און פלעגט דיך צלמען מיט דיינע פינגער שטילע

ווען אַלע נעמען פון די פריינט, באַקאַנט און נאָנט,
פלעגסטו איר נאָכזאָגן — זאָג, האָט זי נישט דערמאָנט
דיר נאָך אַ נאָמען, אין די תפלה-שעהן?
בלאָס ווערנדיק, פלעגט זי, פילייכט, פאַרטרויען
אַ נאָמען, וואָס דו האָסט פאַרגעסן לאַנג...
דערמאָן אים נישט... וואָס איז אַ נאָמען? פוסטער קלאַנג!
לאָז ער אַ סוד פאַר דיר פאַרבלייבן, גאָט זאָל געבן.
גלייב אָבער, ווי עס איז, צי ווען עס איז, אין לעבן
דו ווערסט דערקענען אים — דיין קינדערישע וועלט
דערמאָן, און אים, דו קינד מיינס, נישט פאַרשעלט!...

* * *

און כ'הער דיין שטימע ווען,
די הילכיק-צערטלעכע –
ווי אין שטייג אַ פֿויגעלע
מיין האַרץ שפּרינגט אויפֿעט דאַן.

*

און כ'זע די אויגן ווען,
די טיפֿע, הימלישע,
די זעל, פֿון ברוסט צו זיי
אַנטקעגן בעט זיך דאַן.

*

און עפּעס פֿריילעך איז
און ס'ווילט זיך וויגען מיר...
און אויף דיין האַלז וואָלט איך
זיך באַלד אַ וואָרף געטאָן...

*

דער שכן

מיין טרויעריקער שכן, ווער דו זאָלסט נישט זיין,
איך ליב דיך, ווי מיין פריינט פון יוגנט מיין,
איך ליב דיך, צופעליקער פריינט,
כאָטש ס'האָט דאָס פאַלשע שיקזאַל־שפּיל, וואָס דרייט
אויף אייביק, אייביק,ביידן אונז צעשיידט
מיט סוד דערנאָך — מיט מויער היינט.

ווען פון דעם אונטערגאַנג די שיין
אין תפיסה־פענסטער שיקט צו מיר אַריין,
איר גרוס, איר לעצטן שטילערהייט;
און, אָן דעם פּיקס דעם הילכיקן געלענט,
טרוימט פון זיין יוגנט אונזער וועכטער ביי די ווענט
און שלאָפט שטיל איינעט שטייענדיקערהייט, —

דאַן האָרך איך שטום, געבייגט צו פייכטער וואַנט
דעם שטערן — און אין שטילקייט נאָכאַנאַנד
בעזאַנגען דיינע איינזאַמע איך הער;
פון וואָס דו זינגסט — דאָס ווייס איך נישט, נאָר באַנג
דערפילט מיט קלעמען, גיסט זיך קלאַנג נאָך קלאַנג,
און פליסט און פליסט, אַזוי ווי טרער נאָך טרער.

און האָפנונג, ליבע פון דער בעסטער צייט
ביי מיר אין ברוסט לעבט אויפעט פריש־באַנייט,
און ווייט פאַרטראָגט זיך מיין געראַנק;
איך בין דערפילט מיט ליידנשאַפטס־באַגער,
עס זידט דאָס בלוט – און ס׳גיסט זיך טרער נאָך טרער
און פליסט און פליסט, אַזוי ווי קלאַנג נאָך קלאַנג –

די וואַסער־נימף

געשוואומען אין טייך האָט אַ נימפן־געשטאַלט,
פון דער פולער לבנה באַשטראַלט;
און זי האָט זיך געמיט צו דעם הימלישן רוים
צו דערשפּריצן דעם זילבערנעם שוים.
ס'האָט דער טייך געוויגט רוישיק אַרויף און אַראָפּ
די וואָלקנס, וואָס שפּיגלען זיך אָפּ;
ס'האָט געזונגען די נימף, און דער קלאַנג פון איר וואָרט
פלעגט דערגיין צו די ברעגן פון דאָרט.
ס'האָט געזונגען די נימף: „אויף גרונט ביי מיר קאַלט
דאָס טאָגיקע שימערן שטראַלט...
עס שפּאַצירן דאָרט גאָלדענע פישלעך אָן צאָל,
ס'איז פאַראַן דאָרטן שטעט פון קריסטאָל.
אויף אַ קישן פון זאַמדן, פאַרגאָסן פון ליכט,
אין דעם שאָטן פון גראָזן געדיכט,
שלאָפט אַ ריטער, אַ רויב פון דער וועל, אויפן זאַמד
שלאָפט אַ ריטער פון ווייט־פרעמדן לאַנד
מיר ליבן די זיידענע לאָקן באַזאַכט
צו קעמען אין פינסטער פון נאַכט,
אין זיין שטערן און מויל,, ווען די מיטאָג־זון בליצט
פלעגן אָפטמאָל מיר קושן צעהיצט.
נאָר צו ליידנשאַפטס־קושן—איך ווייס נישט וואָרום—
בלייבט ער קאַלט, בלייבט ער גלייכגילטיק־שטום;
ער שלאָפט, אויף די בריסט מיינע אָנגעלענט קוים,
און קיין אָטעם, קיין מורמל אין טרוים!“...

אַזוי האָט די נימפע געזונגען, געשפּילט
מיט אַ סודיקער ביינקשאַפט דערפילט;
און דער טייך האָט געזוידעט אַרויף אין אַראָפּ
די וואָלקנס, וואָס שפּיגלען זיך אָפּ.

דער זעגל

עס בלייכט זיך ווייט אַן איינזאַם זעגל
אין בלויען נעפּל־ים געהיים...
וואָס זוכט ער אין דעם לאַנד דעם ווייטן?
וואָס לאָזט ער איבער אין זיין היים?

עס שפּילן כוואַליעס; ווינטן פייפן,
די מאַסט, זי סקריפּעט פון דעם ווינט...
אוי־ווי! ער זוכט, ער זוכט קיין גליק נישט
און נישט פון גליק אַנטלויפט ער צ׳ינד!

פון אונטער אים — אַ שטראָם אַ בלויער,
פון אויבן שטראַלט די זון אים צו;
און ער זוכט אומרואיק דעם שטורעם,
ווי ס׳וואָלט אין שטורעם זיין אַ רו!...

טערעקס מתּנות

ס׳וואָיעט ווילד און בייז דער טערעק
צווישן פעלזן-בערג געפּאַסט,
ס׳איז זיין קלאָג צום שטורעם ענלעך,
טרערן שפּריצן מיט אַ האַסט.
נאָר, דורך סטעפּעס זיך צעטראָגן,
טוט ער חניפהדיק אַ פליס
צו דעם קאַספּיש ים, און מורמלט
מיט אַ פריינטלעכן גערוס:

„טרעט פאַנאַנדער, ים די אַלטער,
גיב מיין וועל אַהיים ביי דיר!
כ׳האָב געהוליעט אויף דער פרייהייט
צייט צו אָפּרוען פאַר מיר.
ביים קאַזבעק בין איך געבוירן,
פון דער וואָלקנס-ברוסט גענערט,
קעגן פרעמדן מענטשן-כּח
האָב איך תּמיד מיך געווערט.
דיינע זין צום פאַרגעניגן,
האָב צעשטערט איך דעם דאַריאַל,
און אַ סטאַדע... [קיזלשטיינער]
האָט געבראַכט צו זיי מיין וואַל.

נאָר געלענט אָן ברעג אָן ווייכן
שטומט דער ים ווי אין אַ טרוים;
און דעם זקן אויפן אויער
רוימט דער טערעק, מורמלט קוים:

„כ'האָב געבראַכט דיר אַ מתנה,
אַ מתנה פול מיט חן,
פון דער שלאַכט אַ קאַבאַרדינער,
קאַבאַרדינער העלדיש-שיין!

אין אַ טייער פאַנצער איז ער
און מיט שטיקער שטאָל געשיצט,
פון קאָראַן אַ פערז אַ הייליק
איז מיט גאָלד אויף זיי געקריצט.
ברעמען ברוגזדיק-געשלאָסן
אין דעם דינעם וואָנסן-זוים
רויט און זודיק-הייס באַפלאָסן
האָט דער איידלער בלוטן-שטרוים:
אָפן, ענטפערלאָז דער בליק איז,
פול מיט אַלטן שנאה-גרויל;
און עס שליינגלט זיך פון הינטן
אים זיין טשוב אין שוואַרצן קנויל.

נאָר געלענט אָן ברעג אָן ווייכן
שווייגט דער ים אין טרוימערייַ;
און דער אומרואיקער טערעק
רעדט צום זקן אויפדאָכנייַ:

„פעטער, הער: אַ רייך מתנה!
שטייגט אַלץ איבער מיט איר צייר!

נאָר איך האָב פון וועלט פון גאַנצער
זי געהיט ביז איצט פאַר דיר״.
אַ קאָזאַקין מיט די כוואַליעס
ברייננ איך באַלד צו דיר אַראָפּ –
מיט די טונקל-בלייכע שולטער,
מיט דעם העלן בלאָנדן צאָפּ;
ס'איז איר נעפּל-פּנים טרויריק,
ס'שלאָפט איר בליק אין זיסן טרוים;
און עס לויפט פון וואונד פון קליינער
אויף דער ברוסט אַ רויטער שטרוים.
נאָך דער חעלדין, נאָך דער שיינער,
בייגקט דאָס גאַנצע דאָרף ביים טייך;
נאָר איין קאָזאַק אָבער בייגקט נישט
דאָרט מיט אַלעמען צוגלייך.

ר'האָט זיין שוואַרצן פערד געזאָטלט –
און דעם קאָפּ אין בערגער-שלאַכט
אַ קינזשאַל פון אַ טשעטשענער
וועט אים אָפּהאַקן ביי נאַכט״.

ס'איז דער בייזער שטראָם אַנטשוויגן. –
און אויף אים, ווי שנייען, העל,
איז אַ קאָפּ אַרויפגעשוואומען
מיט אַ צאָפּ צעשוויינקט פון וועל.

און ס'שטייט-אויף דער זקן מעכטיק
ווי די מעכטיק שטורעם-שעה;
און ס'פאַרטרערן זיך פון תאוה
אים די אויגן טייבל-בלאָ.

ר'האָט, אַ פֿריילעכער, צעשפּילט זיך,
און אין ד'אָרעמס האָט ער טריי
דאָן די כוואַליעס אויפֿגענומען
מיט אַ ליבע-מורמלעריי.

דריי פּאַלמען

אַ מזרח־מעשה

אין זאַמדיק־אַראַבישן סטעפּ זאַלבעדריט
פון לאַנג האָבן פּאַלמען הויך־שטאָלצע געבליט.
אַ קוואַל פלעגט אַ קאַלטער זיך צווישן זיי יאָגן,
וואָס האָט פון דעם טרוקענעם באָדן געשלאָגן;
עס האָבן אים שאָטנס פון בלעטער געהיט —
געהיט פון די שטראַלן און זאַמדן צעגליט.

עס זענען נישט־הערבאַר פיל יאָרן אַוועק;
און ס'פלעגט נאָך קיין וואַנדערער קיינמאָל פון וועג,
מיט פלאַמיקער ברוסט צו דעם שטראָם זיך נישט בייגן,
און אונטער דעם גרינס פון דעם סכך זיך נישט נייגן,
און ס'האָבן געטריקנט פון גליענדן שטראַל
די פּרעכטיקע בלעטער און הילכיקער קוואַל.

און ס'האָבן די בלעטער צו גאָט זיך געווענדט:
מיר זיינען געבוירן צו ווערן פאַרברענט?
מיר האָבן געבליט אין דעם מדבר אָן ניצן,
געשאָקלט פון שטורעם, געגליט פון די היצן,
נישט פרייענדיק קיינמאָל קיין פריינטלעכן בליק?...
גאָט, ביזט נישט גערעכט, נעם דיין אורטייל צוריק!...

זיי זיינען אַנטשוויגן — און ווייט האָט צעווייט
אַ זייל זיך פֿון גאָלדענעם שטויב און געדרייט;
עס האָבן געהערט זיך די קלאַנגען פֿון גלעקלעך,
עס האָבן געלויכטן זיך פֿאַרביקער פֿעקלעך. —
ס'איז קעמל נאָך קעמל געגאַנגען צעוויגט,
ווי שיפֿל אין ים, און די זאַמדן געפֿליקט.

פֿון צווישן די הויקערס געהאָנגען האָט העל
די פֿאָלע פֿון וועג-געצעלט מיט פֿאַרביק געמעל;
עס פֿלעגן זיי אויפֿהייבן הענטעלעך טונקל,
און טון פֿלעגן אויגן דאָרט שוואַרצע אַ פֿינקל...
די טאַליע צום בויגן געגייגט אויף זיין זיץ
געאיילט האָט זיין פֿערד אַן אַראַבער מיט היץ.

דער פֿערד פֿלעגט זיך הייבן אין שטויביקן זייל
אַזוי ווי אַ באַרס, וואָס פֿאַרוואונדעט פֿון פֿייל.
און וויס זיך געדרייט האָבן פֿאַלדן פֿון קליידער
אַריבער די שולטער פֿאַרריסן אָן סדר;
מיט פֿייף און געשריי פֿלעגט ער יאָגן דורך זאַמד
און וואַרפֿן און כאַפּן דעם שפּיז מיט דער האַנט.

ס'גייט-צו צו די פֿאַלמען שוין דער קאַראַוואַן;
צעלייגט זיך אין שאָטנס מיט פֿרייל<u>ע</u>כקייט דאַן.
די קרוגן מיט וואַסער זיך, פֿולע, פֿאַרגיסן,
און ס'ווינקען די פֿאַלמען מיט שטאָלץ און באַגריסן
די געסט, וואָס מען האָט נישט דערוואַרטעט זיי גאָר,
און רייך טרינקט זיי אָנעט דאָס קוועלעכל קלאָר.

נאָר ווי ס'האָט דער טונקל געני'דערט אויף דר'ערד,
באַלד האָט זיך אַ האַק ביי די וואָרצלען דערהערט —

און ס׳פֿאַלן די ביימער ד׳י אַלטע אָן לעבן!
צעפּליקט זייער קלייד האָבן קינדער דערנעבן,
צעהאַקט זייער גוף האָבן מענטשלעכע הענט
און לאַנגזאַם ביז מאָרגן אין פֿייער געברענט.

און איז נאָר דער נעפּל צו מערב אַוועק,
געווען איז דער קאַראַוואַן שוין אין וועג:
אַ שפּור אויף דער ערד האָט געטונקלט אין טרויער,
געלעגן איז אַש דאָרט אַ קאַלטער און גרויער;
דערברענט האָט די טרוקענע רעשטלעך די זון,
דער ווינט האָט שוין גאָרנישט געלאָזן דערפֿון.

און איצטער אַרום דאָרטן ווילד איז און לער –
עס סודן קיין בלעטער מיט שטראָם זיך נישט מער:
אומזיסט בעט ער שאָטנס ביים נביא, גאָטס היטער–
ס׳פֿאַרשיט אים אַלץ מערער דער זאַמד דער צעגליטער,
דער קאָרשון, דער סטעפּ-תּושב, נאָר זיך באַווייזט,
אַליין מיט זיין רויב דאָרט און צופּט עס און רייסט.

אַ קאָזאַקישעס וויג-ליד

שלאָף, מיין ייִנגעלע, מיין שיינער,
ליולינקע ליו-ליו;
די לבנה קוקט, די ריינע,
אין דיין וויגעניו.
איך וועל מעשיות דיר דערציילן,
כ׳זינג אַ לידל צו;
דו-זשע דרעמל, שליס די אייגלעך,
ליולינקע ליו-ליו.

איבער שטיינער שטראָמט דער טערעק,
קויטיק שוימט זיין וואַל;
אַ טשעטשען אַ בייזער קריכט דאָרט,
שאַרפט דאָרט זיין קינזשאַל.
נאָר דיין טאַטע איז אַן אַלטער
קריגער, זונעניו;
שלאָף-זשע, קינד מיינס, זיי זיך רואיק,
ליולינקע ליו-ליו.

וועסט אַליין צו שטרייטן קאָנען —
קומען וועט די צייט;
מוטיק זעצסטו אויפן פערד זיך
מיט אַ ביקס צום שטרייט —
כ׳נייִ דיין שלאַכט-זאָטל דיר אויסעט
און מיט זייד דערצו...

שלאָף, דו קינד מיינס, שלאָף מיין טייערס,
ליולינקע ליו-ליו.

וועסט אַ גבור-גוף פאַרמאָגן
און אַ קאָזאַק-זעל;
ביים אוועקגיין — וועסט אַ מאַך טון
מיט דער האַנט ביים שוועל...
וויפל טרערן וועל איך גיסן
אין דער נאַכט אָן רו!...
שלאָף, מיין מלאָך, זיס און רואיק,
ליולינקע ליו-ליו.

כ'וועל זיך פייניקן אין בענקשאַפט
ווארטן דיך פאַרשמאַכט;
תפלה טון בייטאָג, און קאָרטן
לייגן אין דער נאַכט.
קלערן אַז דו בענקסט אין פרעמדע
לענדער ערגעץ-וואו...
שלאָף-זשע, ווייסט קיין זאָרג לעת-עתה,
ליוליונקע ליו-ליו.

איך וועל דיר אַ הייליק בילדל
מיטגעבן אין וועג;
בעת דו ביזט מתפלל — שטעל אים
דאַן פאַר זיך אַוועק.
גרייטסטו זיך צום שלאַכט-געדיינק-זשע
אָן דיין מאַמען דו...
שלאָף, מיין יינגעלע, מיין שיינער,
ליולינקע ליו-ליו.

דער דיכטער

מיט ציר, מיט גאָלדנעם, פינקלט מיין קינזשאַל,
עס האָט קיין מום דער שטאָל, דער טרייער.
ער איז פאַרהאַרטעוועט שוין סודותדיק פון לאַנג:
אַן אַרב כון מזרחס שלאַכטן=פייער.
ער פלעגט באַדינען אָפט דעם רייטער אין די בערג,
און קיין באַלוינונג גאָרנישט וויסן;
נישט אויף איין ברוסט האָט ער געלאָזט אַ שרעקלעך שפור
און נישט איין פאַנצער-נעץ צעריסן.
פלעגט טיילן פריידן נאָך געהאָרכזאַמער פון קנעכט,
פלעגט קיין באַליידיקונג פאַרטראָגן;
ס'וואָלט דאַן אים פרעמד געווען דאָס רייכע שניצעריי,
ער וואָלט עס דעמאָלט נישט געטראָגן.
עס האָט אַ קאָזאַק פון זיין טויטן, קאַלטן האַר
גענומען אים ביי טערעק-שטראָמען;
ביי אַן אַרמענער איז ער דאַן געלעגן לאַנג
אין איינער פון די וואַנדער-קראָמען.
עס פעלט די נאָנטע שייד, וואָס איז צעהאַקט אין שלאַכט
דעם אָרמען העלד-באַגלייטער איצטער;
אַלס גאָלדן שפּילעכל איצט שטראַלט ער אויף דער וואַנט
אַ רוכלאָזער און אומבאַשיצטער!

אים רייניקט קיינער נישט מיט זאָרגנדיקער האַנט,
און קיינער גלעט, צו זיך אים פּרעסט נישט;
זיין אויפֿשריפֿט, פֿאַר דעם זונען־אונטערגאַנג,
בשעת דער תּפֿלה קיינער לעזט נישט...
אין אונזער צאַרטן דור האָסטו, ווי ער, פּאָעט,
דיין שליחות אמתע פֿאַרלאָרן;
פֿאַרטוישט אויף גאָלד די קראַפֿט, פֿאַר וועלכער ס'האָט די וועלט
געקניט די פֿריערדיקע יאָרן.
עס האָט דער ריטם־קלאַנג פֿון יעדן מעכטיק וואָרט
דעם קריגער פֿאַר דער שלאַכט געצונדן,
און דעם המון געוועזן נייטיק ווי דער כּוס צום פֿעסט,
ווי קטורת אין די תּפֿלה־שטונדן.
דיין ליד, ווי גאָטעס גייסט, פֿלעגט שוועבן אין המון
און עכאָ פֿון געדאַנקען בעסטע
פֿלעגט קלינגען דעמאָלט, ווי דער טורעם־גלאָק
אין יום־טוב און אין פֿאָלקס־אומגליקן גרעסטע.
ס'איז אומעטיק פֿאַר אונז דיין איינפֿאַך שטאָלצע שפּראַך,
אונז פֿרייען פֿליטערלעך צעשטראַלטע;
און ווי אַן אַלטע פֿרוי איז צוגעווייגט די וועלט
אין פֿאַרב באַהאַלטן, קנייטשן אַלטע...
דערוואַכסטו נאָך אויפֿסניי, פּראָפֿעט, פֿון שפּאָט באַשמוצט?
צי קיין מאָל וועסטו מער דיין חבֿר
שוין נישט אַרויסרייסן — דעם שטאָל פֿון גאָלדן שייד,
וואָס איז באַדעקט מיט האַסן־זשאַווער?

נישט גלויב זיך

נישט גלויב, נישט גלויב זיך, יונגער טרוימער,
ס'מאַכט די באַגייסטערונג דיך קראַנק...
זי איז די וואַנזין-שטימע פון דיין קראַנקער זעלע,
צי די צערייצונג פון געדאַנק.
נישט זוך אין איר אומזיסט קיין הימל-סימן:
ס'איז נאָר אַ כחות-איבער-פלוס!
שעפּ-אויס דיין לעבן גיכער פון די זאָרגן,
דעם טראַנק דעם גיפטיקן צעגיס!
און וועט דיר טרעפן אין אַ צויבער-רגע
צו עפענען אין שטומער זעל,
דערפילט פון איינפאַכע און זיסע טענער,
אַ נייע, אומשולדיקע קוועל —
נישט הער זיך צו און גיב זיך איר נישט איבער,
וואַרף אָן אויף איר אַ דיק געוואַנד:
דו ביזט מיט ריטם, מיט דעם וואָרט דעם קאַלטן,
זיי איבערגעבן נישט אומשטאַנד!
פאַרגנבעט זיך אַ טרויער אין דיין זעלע,
צי ליידנשאַפט אַהין פאַרקריכט —
נישט גיי דאַן מיט דיין וואַזיניקער פריינטין
צ ם מענטשן-פעסט אין רויש און ליכט.

דערנידעריק דיך נישט, און שעם זיך האַנדלען
מיט בענקשאַפט דיינער, מיט דיין האַס;
אַרויסשטעלן דעם שמוץ פון זעלן-וואונדן,
ווי אויף אַ וואונדער פאַר דער גאַס.
וואָס אַרט אונז, צי ד'האָסט יאָ, צי נישט געליטן?
דיין אומרו וויסן אונז צו וואָס?
דאָס נאַריש האָפן פון די ערשטע יאָרן
און דער באַדרויער, דער פאַרדראָס?
אָ, זע, פאַר דיר גייט, שפּילנדיק, אַן עולם
מיט אַלט-באַקאַנטן וועג אַהער;
אין יום-טוב פנים, וואו די זאָרגן-שפּורן
קיין איין נישט-אָנשטענדיקע טרער.
און דאָך איז צווישן זיי נישטאָ קיין איינער,
וואָס האָט קיין ליידן נישט געוואוסט,
וואָס האָט דערקליבן זיך פריצייטיק צו די קנייטשן
אָן אַ פאַרברעכן צי פאַרלוסט!...
אָ, גלויב, עס איז זיי לעכערלעך דיין וויינען,
דיין מוסר-ניגון קיינער הערט;
ווי ס'וואָלט אַ טראַגישער אַקטיאָר אַן אָנגעפאַרבטער
געפאָכט מיט אַ פּאַפּירן שווערט.

צוויי ריזן

אין אַ גאָלד־געשמידטן היטל
לאַנג געוואַרט, געגרייט צום שטרייט,
האָט דער רוסיש ריז אַ צווייטן
פון די לענדער, פרעמד און ווייט.

פון זיין רום האָט שוין געדונערט
הינטער טויזנט באַרג און טאָל,
און פאַרמעסטן מיט די קעפּ זיך
האָט פאַרוואָלט זיך כאָטש איין מאָל.

דער דרייוואַכנדיקער העלד איז
באַלד געקומען פון זיין לאַנד,
און — אַ כאַפּ די קרוין פון שונא
מיט דער חוצפהדיקער האַנט!

מיט אַ שרעקלעך שמייכל אָבער
ענטפערט־אָפּ דער רוס אים באַלד —
יענער טוט אַ קוק, אַ טרייסל
מיטן קאָפּ, אַ זיפץ — און פאַלט...

נאָר אין ים איז ער געפאַלן,
אויף אַן אומבאַקאַנט גראַניט;
וואו דער שטורעם נאָר דער פרייער
איבער תהומות רוישט און זידט.

* *
*

דו חזרסט די צעשיידונגס־ווערטער,
דאָך נישט פֿאַרלאָזט די האָפֿנונג דיך;
דו זאָגסט: ס'איז דאָ אַן אַנדער לעבן
און מוטיק גלויבסט אין אים... נאָר איך?...

לאָז מיך — זיי רואיק: וואו עס זאָל נישט
יענץ לעבן זיין, וואָס רופֿט צו דיר,
ביזט מיט דיין האַרצן ווערט צוויי לעבנס
און מיר — גענוג איז איינס פֿאַר מיר!

צי זאָל אין אייביקייט זיך לאָזן
דער, ווער ס'איז מיד פֿון קורצן וועג?
ס'וועט מיך די אייביקייט צעקוועטשן
ניט רוען דאָ — איז מיר אַ שרעק...

איך האָב דעם עבר שוין באַגראָבן,
דער עתיד קימערט נישט מיין בליק;
די ערד — איר חלק האָט גענומען, —
זי וועט נישט אָפּגעבן צוריק!...

*

די שכנה

כ׳האָב, ווייזט אויס, שוין מיין פרייהייט פאַרלאָרן,
און די טורמע-טעג זענען ווי יאָרן;
און דאָס פענסטער איז הויך פון דער ערד,
ס׳שטייט אַ וועכטער ביים טיר מיט אַ שווערט.
ס׳וואָלט געטייט מיך דאָס שטייגל דאָס קליינע,
ווען נישט זיין וואָלט די ליבינקע שכנה...
היינט דערוואַכט האָבן מיר מיט דער זון,
כ׳האָב א וואונק מיט מיין קאָפּ איר געטון.
ס׳האָט די תפיסה צעשיידט און דערנענט אונז,
ס׳האָט דער מזל דער איינער באַקענט אונז,
איין באַגער האָט באַפריינדט אונז, איין טרוים,
און דאָס פענסטער מיט דאָפלטן צוים.
כ׳לאָז באַגינען ביים פענסטערל שיקן
אומעטום מיינע דאָרשטיקע בליקן;
אָט, אַנטקעגן דאָס פענסטערל סטוק!
און אַ פאָרהיינגל טוט זיך אַ רוק.
ס׳קוקן אָנעט מיך שעלמישע אויגן!
אויף דער האַנט איז דאָס קעפל געבויגן,
און עס קייקלט זיך, גלייך ווי אין ווינט,
פון איר שולטער דאָס טיכל געשווינט.
בלייך איר ברוסט איז, די יונגע און באַנגע,
און זי זיצט דאָרט, און זיפצט שעהן לאַנגע;
ס׳שיינט, אַן אומרו פאַרבאָרגט זי אין זיך
און זי בענקט נאָך דער פרייהייט, ווי איך.

אַך, נישט טרויער, מיין שכנטע טייערי
זאָלסט וועלן נאָר – בין איך אַ פרייער!
ווי גאָטס פייגעלעך, פריי אין דער וועלט,
וועלן ביידע אַוועק מיר אין פעלד.
גנבע־אָפּ ביי דיין טאַטן די שליסל,
זעץ די שומרים אַוועק פאַרן שיסל,
און מיט יענעם וואָס שטייט ביי דער טיר
וועל איך פּרוואון זיך ספּראַווען אָן דיר.
זאָל די נאַכט וואָס מער פינסטערער זיין נאָר,
גיב דיין טאַטן וואָס שטאַרקערן ווייַן נאָר,
און – כדי איך זאָל וויסן – געדיינק:
אויף דעם פענסטער דיין טיכל פאַרהיינג!

די קריג

פאַר אַן עולם קרובים-פּערגער
מיט אַ צייט צוריק
בײַ קאַזבעקן מיטן שאַט-באַרג
איז געווען אַ קריג.
„היט זיך!" האָט דאַן מיט קאַזבעקן
זיך דער שאַט געקריגט;
ס'האָט דער מענטש דיך, ליבער ברודער,
נישט אומזיסט באַזיגט!
ער וועט בויען רויכנהײַלן
אויף די בערגער-טרעפּ;
אין דײַן טיפקייט זיך דערהערן
וועלן האַמער-קלעפּ;
ס'וועט אין שטיינער-ברוסט אַ רידל
אײַנשנײַדן אַ וועג,
און אַרויסבאַקומען גאָלד דאָרט,
קופּער אָן אַ ברעג.
ס'גייען-דורך שוין דורך די פעלזן
קאַראַוואַנען אויך,
וואו זיך טראָגן פלעגן נעפּלען
און די אָדלערס הויך.
ביטרע איז דער מענטש! דער ערשטער
שפּרונג געווען איז שווער —
היט זיך! מעכטיק איז דער מזרח:
ס'איז אַ מענטשן-מער!"

כ'האָב נישט מורא פאַר דעם מזרח! —
ענטפערט־אָפּ קאַזבעק: —
ס'איז ביי אים ניין הונדערט יאָר שוין
נאָר אין שלאָף אַוועק.
זע נאָר: אין טשינאַרע־שאָטנס
זיסן ווייַנען־שוים
אַ גרויזנער אויף שאַלוואַרן
גייסט אין שטילן טרוים;
און, געניגט צום פאַרביק טעפּיך,
רויכנדיק קאַליאַן,
נעבן פערלנע פאָנטאַנען
דרעמלט טעהעראַן.
ביי די פיס ירושלימס
וויסט פון גאָטעס בראַנד,
אומבאַוועגט, אין שטומען שווייגן
ליגט דאָס טויטע לאַנד.
ווייטער: פרעמד פון שאָטנס אייביק
וואַשט דער געלער ניל
טרעפּ צעגליטע פון די קברים
מלכותדיקע שטיל.
עס פאַרגעסט דער בעדואינער
זיין געיעג פאַרשייט,
ציילט די שטערן, זינגט זיך לידער
פון זיין פאָטערס צייט.
אַלץ, וואָס ס'קאָן דאָס אויג נאָר זען,
רוט, פאַרטיפט אין זיך,
ניין, אָ, נישט דער שוואַכער מזרח
וועט באַזיגן מיך!
„נישט באַרים זיך נאָר אפריער!“
זאָגט דער אַלטער שאַט:

„עפּעס זעט זיך דאָ־ט אין צפֿון
דורך דעם נעפּל מאַט!“
אַט די בשורה האָט קאַזבעקן
ווי צעמישט, פֿאַרשעמט,
האָט ער צו דעם פֿינסטער צפֿון
דאַן זיין בליק געווענדט.
און ער קוקט אַהין פֿאַרוואונדערט,
קוקט מיט טרוימעריי;
זעט אַ מאָדנע דאָרט באַוועגונג,
הערט אַ קלינגעריי.
פֿון אוראַל און ביז צום דונאַי,
ביז צום גרויסן טייך,
פֿינקלען, וויגן זיך, באַוועגן,
גייען פּאָלקן גלייך.
די סולטאַנעס ווייסע ווייען
ווי דאָס סטעפּן־גראָז;
ס'טוען פֿאַרביקע אולאַנער
זיך אין שטויב אַ לאָז...
די מלחמה־באַטאַליאָנען
גייען ענג אין ריי,
און מען טראָגט פֿאָרויס די פֿאָנען,
פּויקן נעבן זיי.
און די קופּער־באַטאַרייען
הילכן, שפּרינגען שנעל,
און אין רויך, ווי פֿאַר מלחמה
ברענען פֿאַקלען העל.
און, געפּרואווט מיט שווערער אַרבעט
אין דעם שטרייטן־שאַל,
פֿירט מיט דראָענדיקע בליקן
זיי אַ גענעראַל.

ס׳גייען אַלע פֿאַלקן מעכטיק,
רוישיק ווי אַ טייך;
שרעקלעך לאַנגזאַם, ווי די וואַלקנס
אויפֿן מזרח גלייך.
און קאַזבעק האָט, פֿול מחשבות,
פֿול מיט טרוימען וויסט,
זיינע פֿיינט געצוימען צײלן —
נאָר געוועזן אומזיסט!
ר׳האָט נאָר שטיל באַקוקט מיט טרויער
זיינע בערג אַרום,
ס׳היטל אַנגערוקט אויף ד׳אויגן —
און געבליבן שטום.

*

דער מלאך

דורכן הימל ביינאַכט האָט אַ מלאך געשוועבט,
אַ ליד דאָרט אַ שטילעס געוועבט;
און די שטערן, לבנה און וואָלקנס אַרום
געהאָרכט יענעס ליד האָבן שטום.

ר׳האָט געזונגען פון זינדלאָזע גייסטער אין ליד,
פון העלן גן־עדן וואָס בליט,
ר׳האָט געזונגען פון בורא, וואָס שטאַרק איז און גרויס,
און דער לויב טיף פון האַרץ איז אַרויס.

ר׳ האָט געטראָגן אַ זעלע, אַ יונגע, דער וועלט
פון טרויער און טרערן געקוועלט,
און דער קלאַנג פון זיין ליד איז געבליבן אין זעל
אָן ווערטער, נאָר לעבעדיק העל.

און אויף דר׳ערד האָט די זעלע געפייניקט זיך לאַנג
דערפילט מיט אַ צויבער־פאַרלאַנג;
נישט געקאָנט האָט פאַרבייטן דעם הימלישן קלאַנג
דאָס אומעטיק ערדיש געזאַנג.